STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04733

A BINTEL ERTSEHLUNGEN

Thomas Mann

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-04733-3

D:\YIDDISH\TITLES\9780657047337T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

טאָמאַס מאַן

אַבּינטער ערצעהלונגען.

וואַרשא, 1913 — פערלאַג „פּראָגרעס".

טאָמאַס מאַן.

אַבּינטעל ערצעהלונגען.

פערלאַג „פּראַגרעס״, ווארשא.

פערקויף: געז. „צענטראל״, ווארשא.

1913.

Тип. Г. Пимент и Я. Швабе, Сѣраковская 4.
ВАРШАВА,

אינהאלט.

דער וועג צום בית־עלמין . . . . . 7—17

דער קליידער־שאַנק . . . . . 21—31

דער קליינער הערר פרידמאַן . . . . 35—68

ענטטוישונג . . . . 71—78

דער וועג צום בית־עלמין.

דעֶר וועֶג צוּם בֵּית-עָלְמִין.

דעֶר וועֶג צוּ׳ם בית=עלמין איז דיִ גאַנצעֶ צײַט נעֶגאַנגעֶן נעֶבעֶן שאָ=
טעֶ, דיִ גאַנצעֶ צײַט—זײַט בײַ זײַט מיִט איִהם, ביִז׳ן סאַמטעֶ עֶנדפּונקט
—דעֶם בית=עלמין. אויף דעֶר צווײַטעֶר זײַט וועֶג האָט מעֶן איִן אָנפאַנג
בעֶגעֶגנט מעֶנשליִכעֶ וואָהנונגעֶן, נײַעֶ געֶבײַדעֶן פוּן דעֶר פאָרשטאָדט
נאָך איִן געֶבײַ, דעֶרנאָך—פעֶלדעֶר. וואָס אָנבעֶלאַנגט דעֶם שאָסעֶ, בעֶ=
זוימט מיִט אַלטעֶ בוּכעֶנבוימעֶר, איז עֶר האַלב געֶוועֶן ברוקיִרט, האַלב
ניִשט. דעֶר וועֶג, וויִעדעֶר, צוּ׳ם בית=עלמין איז געֶוועֶן לײַכט בעֶשאָטעֶן
מיִט געֶברעֶקעֶלטע שטײַנדלעֶך, און דאָס האָט איִהם צוגעֶגעֶבעֶן אַ חאַראַק=
טעֶר פוּן אַן אַנגעֶנעֶהמעֶן גאָרטעֶנשטעֶגעֶל. פוּנ׳ם שאָסעֶ האָט איִהם אָב=
געֶשײַדט אַ שמאָלעֶר. טרוקעֶנעֶר גראָבעֶן בעֶוואַקסעֶנעֶם מיִט גראָז און
פעֶלדבלומעֶן.

עֶס איז געֶוועֶן פריִהליִנג, שוין כמעט זומעֶר. דיִ וועֶלט האָט

געלאכט. גאטס בלויע הימלען זענען געווען בעזעעט מיט קליינע, קיילעכ=
דיגע. מאסיווע וואלקענדלעך, בעשאטען מיט עפעס אזעלכע שנייוויסע
שטיקער פון לעבערליכע פארמען. די פייגעל האבען געצוויטשערט צווי=
שען די בוימער, א צארטער ווינד האט געוועהט פון די פעלדער.

איבער'ן שאסעע האט געפויזעט א וואגען פון נאהענטען דארף אין
דער ריכטונג צו'ם שטאדט, א העלפט אויפ'ן ברוקירטען, א העלפט
אויפ'ן נישט ברוקירטען טייל פון וועג. דער פוהרמאן האט אריבערגע=
האנגען זיינע פיס איבער ביידע זייטען פון קוטשערזיץ און האט גראב
געפייפט. מיט'ן רוקען צו'ן איהם, אויפ'ן הינטערטייל פון וואגען, איז גע=
זעסען א געל הינטעל און מיט זעהר אן ערנסטען אויסדרוק פון קאנצענט=
רירטער אויפמערקזאמקייט אויפ'ן שארפען פיסקעל האט עס בעטראכט
דעם וועג, וואס איז געבליבען הינטען. דאס איז געווען א גאלדען הינ=
טעל, וואס האט צו זיך קיין גלייכען נישט און וועלכעס קאן א מענשען
טיעף אמוזירען. לײדער איז עס נישט שייך צו'ם ענין. געהען מיר
פארביי.

פארבייגעגאנגען אן אבטיילונג סאלדאטען פון דער נאהענטער קא=
זארמע, זיי האבען מארשירט אין שטויב און געזונגען. אן אנדער פוהר
האט געפויזעט פון שטאדט צו'ם דארף. דער פוהרמאן איז געשלאפען
און קיין הינטעל איז אין איהר ניט געווען, דעריבער איז זי כלל נישט
אינטערעסאנט. צוויי מייסטער=געזעלען זענען געגאנגען איבער'ן וועג,
איינער מיט א געקרייזעלטען קאפ, דער צווייטער ריעזיג געבויט. זיי זע=
נען געגאנגען בארפוס, מיט די שיך אויף די פלייצעס, האבען גוטמו=
טיג עפעס אויסגעשריגען צו'ם שלאפענדען פוהרמאן און זענען אוועק
ווייטער. אלעס האט זיך בעוואויגען מיט געמאסטענע טריט, אהן פלאנ=
טערס און אומגעריכטע צופאלען. איבער'ן וועג צו'ם בית=עלמין איז גע=
גאנגען בלויז איין מענש, לאנגזאם, מיט אן אראבגעלאזטען קאפ, אנגע=
שפארט אויף א שווארצען שטאק. דעם ראזיגען מענשען האט מען גע=
רופען פיפזאם, לאבגאט פיפזאם — נישט אנדערש. מיר אונטערשטריי=
כען זיין נאמען, ווייל ווייטער האט ער זיך אויפגעפיהרט זעהר מאדנע.

ער איז געווען געקליידעט אין שווארצען, דען ער איז געגאנגען צו
די קברים פון זיינע הארצענסגעליעבטע. אויפ'ן קאפ א צעראצטער ביי=
כיגער צילינדער=הוט, דער ראק גלאנצט פון אלטקייט, די הויזען קורץ
און שמאל, די הענטשקעס — אויסגעריבען. זיין האלז, דער אבגעצעהר=
טער לאנגער האלז, מיט א גרויסען „קנאפ", האט ארויסגעשטארצט פון

אַן אָבגעלעגטען קאָלנער, וואָס איז געווען אַרומגענעהט מיט פראַנזען; ער איז געווען אַביסעל אָבגעריבען ביי די ברעגען, דער דאָזיגער קאָל=נער. און ווען דער מענש האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ. — און דאָס האָט ער אַ פּאָר מאָל געטהון, אום צו זעהן, ווי ווייט ער איז נאָך פון בית=עלמין, — האָט מען געקאָנט זעהן אַ זעלטען פּנים, אַ פּנים, וואָס לאָזט זיך ניט אַזוי שנעל פערגעסען.

ער איז געווען גלאַט ראַזירט און בלאַס. צווישען די אויסגע'דבר'=טע באַקען האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ נאָז ווי אַ אוגערקע, פון פאָרענט דיקער, פלאַמענדיג מיט אַ שטאַרקער אוננאַטירליכער רויטקייט. די דאָ=זיגע נאָז איז געווען בעדעקט מיט אַ גאַנצער מחנה קליינע „ווייגפערלעך“, אונגעזונדע צו=וואַקסען, וואָס האָבען איהם צוגעגעבען אַ אויסערגעוועהנ=ליך, פאַנטאַסטיש אויסזעהן. איהר צו גרויסע היציגקייט האָט זיך שאַרף אָבגעצייכענט אויפ'ן מאַט=בלאַסען געזיכט, אין דער נאָז איז געווען עט=וואָס אונגלויבליכעס און געקינסטעלטעס, זי האָט אויסגעזעהען ווי אַ צו=געשטעלטע, ווי אַ מאַסקאַראַדען=נאָז, ווי אַ טרויעריגער שפּאַס. אין דער ווירקליכקייט איז עס נישט אַזוי געווען... די ליפּען פון זיין בּרייטען מויל, מיט אַראָבגעלאָזענע ווינקלען, זענען געווען שטייף צוזאַמענגעדריקט, און ווען ער האָט געוואָרפען אַ בליק אויף עמעס, האָט ער הויך, ביז צו די ראַנדען פון זיין הוט, געהויבען אַ פּאָר שוואַרצע ברעמען, דורכגע=שניירט מיט ווייסע פעדים, און דאַן האָט מען געקאָנט זעהן, ווי צעהיצט און רחמנות'דיג=בעשאַטענט זיינע אויגען זענען. קורץ גערעדט, דאָס איז געווען אַ געזיכט, וואָס בעקוקענדיג עס. האָט מען ניט געקאָנט ניט סימפּאַטיזירען מיט דעם. לאָבגאָטס פּיפּזאַם'ס אויסזעהן איז נישט געווען פרעהליך. ער חאָט זיך שלעכט געפּאַסט צו'ם בעצויבערענדען פריהמאָרגען. און אפילו פאַר אַ מענשען, וואָס געהט צו די קברים פון זיינע האַרצענס=געליעבטע, איז ער געווען צו פער'צרה'ט. זאָל מען אָבער חאַפּען אַ קוק צו איהם אינוועניג, וועט מען מוזען מודה זיין, אַז ער האָט געהאַט גענוג אורזאַכען דערצו. ער איז געווען אַ ביסעל געענגט, ווי?.. שווער עס צו ערקלערען פאַר אַ זעלכע פרעהליכע מענשען. ווי איהר זענט... אַ ביסעל אונגליקליך, נישט אמת? איהם איז געווען אַ ביסעל שלעכט. אַך. דעם אמת געזאָגט, נישט אַ ביסעל, נאָר טאַקי אויפ'ן העכסטען גראַד. אָהן גוזמאות, ער האָט געהאַט אַ פינסטער מזל.

די ערשטע זאַך — ער האָט גע'שכור'ט. אָבער וועגען דעם וועלען מיר רעדען ווייטער. דערנאָך: ער איז געווען אַן אלמן, פער'יתומ'ט און

פערלאזען פון דער גאנצער וועלט; ניט געהאט קיין איינציגע ליעבענדע נשמה. זיין פרוי — איהר מיידעלשער נאמען לעבוועלט — האט איהם פריהצייטיג, אויפ'ן זעקסטען מאנאט, געשענקט א קינד און איז דערביי געשטארבען. דאס איז געווען דאס דריטע קינד און געבוירען געווארען איז עס א טויטס. די אנדערע צוויי קינדער זענען אויך געשטארבען; איינס פון דיפטעריט, דאס צווייטע סתם אזוי, פיעלייכט פון שוואכקייט. דאס איז נאך נישט אלעס; באלד דערנאך האט ער פערלוירען זיין שטעלע, מיט שאנד אנגעוואהרען זיין פרנסה, און געהאט האט עס א שייכות מיט זיין חסרון, וועלכער איז געווען שטארקער פון פיפזאם'ן.

פריהער האט ער זיך נאך ווי עס איז געוועהרט געגען איהם, הגם צייטענווייז האט ער איהם געדיענט איבער דער מאס. ווען ער האט אבער פערלוירען זיין פרוי און קינדער, און איז געבליעבען איינער אליין אויף דער וועלט, אהן הילף און שטיצע, אהן ליעבע פון קיינעם און צו קיינעם, האט די ליידענשאפט איהם בעהערשט און האט געבראכען זיין ווידערשטאנד אלץ מעהר און מעהר. ער איז געווען אנגעשטעלט אין אן אסעקוראנץ-געזעלשאפט, אלס עלטערער שרייבער, מיט נייינציג מארק מאנאטליכען געהאלט. שכור'ערהייט איז ער בעגאנגען א רייהע גראבע פעהלערען, און נאך עטליכע ווארנונגען האט מען איהם ענטזאגט פון דער שטעלע.

קלאר, אז די דאזיגע מעשה האט פיפזאם'ן נישט געשטארקט מאראליש, אפילו אויף א האר נישט. פערקעהרט, איצט האט ער שוין געמוזט געהן צו גרונד. איהר דארפט, נעמליך, וויסען, אז דאס אונגליק טויטעט דעם מענשען'ס ווירדע, עס איז דאך נוצליך צו יעדער צייט צו האבען א שטיקעל ידיעה אין אזעלכע זאכען. דא שטעקט א מאדנער און שרעקענדער צוזאמענהאנג. דערביי העלפט לחלוטין נישט, אויב דער מענש איז זיכער אין זיין אונשולד: מעהרסטענטיילס פעראכטעט ער זיך אליין פאר זיין אונגליק.

פעראכטונג, ווידער, צו זיך אליין, און נידריגע ליידענשאפט האבען א שרעקליכע שייכות צווישען זיך, זיי נעהרען איינע די אנדערע, ארבייטען איינע פאר די אנדערע, אזוי אז עס נעהמט אהן א שרעק. אזוי איז געווען אויך מיט פיפזאם'ן. ער האט געטרונקען, וויל ער האט זיך פעראכטעט, און האט זיך וואס ווייטער אלץ מעהר פעראכטעט, וויל יעדע ווידערהאלטע זינד געגען די כללים פון ארענטליכקייט האט אויפגעפרעסען זיין זיכערהייט אין זיך זעלבסט. ביי איהם אין דער היים,

און קליידערשאנק, איז געוועהנליך געשטאנען א פלאש מיט גיפטיגעלער משקה — אוים פארזיכטיגקייט וועלען מיר זי ניט אנרופען ביים נאמען. לאבגאט פיפזאם איז נישט איינמאל ממש געליגען אויף די קניען פאר דעם דאזיגען שאנק, האט זיך געביסען די צונג, און — דאך איז ער סוף כל סוף געבליבען בעזיגט... נישט גערן דערצעהלען מיר אייך אזעלכע זאכען, אבער דאך איז עס בעלעהרענד, —

אלזא, איז ער געגאנגען איבער'ן וועג צו'ם בית-עלמין, האט געהויבען און אראבגעלאזען פאר זיך דאס שווארצע שטעקעל. א צארט ווינטעל האט בעוועהט אויך זיין נאז; אבער ער האט עס נישט געמערקט. מיט אויפגעהויבענע ברעמען האט ער שטומפיג און טרויעריג געקוקט אויף די וועלט, א שלימ'מזל'דיגער, פערלוירענער מענש.

פלוציים האט ער דערהערט הינטער זיך א שארך: א צארט פליסטערן האט זיך שנעל גענעהערט פון וויטען. ער האט אומגעקעהרט דאס געזיכט און זיך אבגעשטעלט... דאס האט א וועלאסיפעד שוואך געגרילצט מיט זיינע שינען איבער דער מיט שמיינדליך בעשאטענער ערד; ער האט זיך גענעהערט אין פולען גאנג, דערנאך האט ער זיך עטוואס איינגעהאלטען, ווייל פיפזאם איז געשטאנען אין מיטען וועג.

א יונגערמאן איז געזעסען אין זאטעל, א יונגלינג, א זארגלאזער טוריסט. אך, מיין גאט, ער האט בשום אופן ניט געהאט קיין פרעטענזיעס צו זיין איינער פון די שטארקע און גרויסע אויף דיעזער וועלט! די מאשין זיינע איז געוועזען פון מיטעלער גוטקייט, נישט קיין אונטערשיעד פון וועלכער פאבריק, געוויס ניט טייערער פון צוויי הונדערט מארק. אויף איהר האט ער געוואלט, פריש און געזונד, פון שטאדט א וואנדער טהון א ביסעל איבער'ן דארף, מיט גלאנציגע פעדאלען, אהין אין גאט'ס פרייע וועלט אריין, הורא! געטראגען האט ער א העל העמדעל און א גרוי רעקעל, קאמאשען פון א ספארטסמאן און א שקאצעוואטע היטעלע איינס אין דער וועלט — א קאטאוועס-היטעלע, מיט א ברוינעם זוים און א קנעפעל פון אויבען. פון אונטער דעם האבען זיך אראבגעלאזען גאנצע גארבען בלאנדע האר, וואס האבען זיך געלעגט איהם אויפ'ן שטערן, געהאט האט ער בלענד-בלויע אויגען. ער איז ערשינען, עהנליך צו'ם לעבען זעלבסט, און האט בעריהרט דאס גלעקעל.

אבער פיפזאם האט זיך ניט גערירט פון ארט צו לאזען א וועג. ער איז געשטאנען און האט געקוקט אויף דאס לעבען מיט א אונבעוועגליכען אויסדרוק אויפ'ן געזיכט.

דאָס לעבען האָט געוואָרפען אויף איהם אַ פערדריסליכען בליק און האָט גענומען אַרומפאָהרען דעם פּלאַץ, וואו ער איז געשטאַנען, און דאָ האָט זיך פּיפּזאַם אויך געלאָזען געהן. ווען ער איז שוין געווען פון הינטען, האָט ער לאַנגזאַם און בעדייטענד אַרויסגערעדט:

—נומער ניין טויזענד זיבען הונדערט און זיבען.

דערנאָך האָט ער צוזאַמענגעדריקט די ציינער און האָט שאַרף גע־קוקט פאָראויס, פיהלענדיג אויף זיך דעם פערלעגענעם בליק פונ'ם לעבען. עס האָט אומגעקעהרט דאָס געזיכט, האַלטענדיג זיך מיט איין האַנד פאַר'ן זאָטעל פון הינטען, און איז געפאָהרען זעהר לאַנגזאַם.

—ווי? — האָט עס געפרעגט.

— נומער ניין טויזענד זיבען הונדערט און זיבען. — האָט פּיפּזאַם ווידער געזאָגט. — אָט, גאָרנישט. איך וועל אייך אָנקלאָגען.

—איהר וועט מיך אָנקלאָגען? — האָט דאָס לעבען געפרעגט. עס האָט זיך נאָך מעהר אויסגעקעהרעוועט, איז געפאָהרען נאָך לאַנגזאַמער און מיט שוועריגקייט געהאַלטען דעם וועלאָסיפּעד אין גלייכגעוויכט...

—געוויס, — האָט פּיפּזאַם געענטפערט, געהענדיג מיט פינף—זעקס טריט פון הינטען.

פאַר וועלכען? — האָט דאָס לעבען געפרעגט. אַראָבשטייגענדיג. עס איז געשטאַנען און האָט אויסגעזעהען צו זיין פול מיט ערוואַרטונג.

—איהר ווייסט עס אַליין זעהר גוט.

—ניין, כ'ווייס עס נישט.

—איהר דאַרפט עס וויסען.

—איך ווייס אָבער נ י ש ט, — האָט דאָס לעבען געזאָגט, — און עס אינטערעסירט מיך גאָרנישט.

דערביי האָט עס אָהן שום פערלעגענהייט זיך גענומען פאַר'ן וועלאָסיפּעד אום ווידער אַרויפצושטייגען.

—איך וועל אייך אָנקלאָגען דערפאַר, וואָס איהר פאָהרט דאָ, — נישט דאָרט, אויפ'ן שאָסע, נאָר דאָ, אויפ'ן וועג צו'ם בית־עלמין, — האָט פּיפּזאַם געזאָגט.

—אָבער, מיין ליעבער הערר, — האָט דאָס לעבען געזאָגט, לאַכענדיג פערדריסליך און אונגעדולדיג, און איז ווידער געבליבען שטעהן, —איהר זעהט דאָ שפורען פון וועלאָסיפּעדען איבער'ן גאַנצען וועג דאָ פאָהרט איטליכער...

—מיר איז עס ל ח ל ו ט י ן אַלץ איינס, — האָט פּיפּזאַם געענט־

פערט, — איך וועל אייך אָנקלאָגען.

—נו, טהוט ווי איך געפעלט! — האָט דאָס לעבען אויסגערופען און איז אַרויפגעשפּרונגען אויף'ן זיץ. עס איז ווירקליך אַרויפגעשפּרונגען, ניט פערשוואַרצט זיך דאָס פּנים מיט אַ דורכפאַל; בלויז איינמאָל זיך אָבגעשטויסען מיט'ן פוס, געזעסען פעסט אין זאָטעל און געמאַכט הכנות צו לאָזען זיך אין וועג מיט דער געשווינדקייט, וואָס פאַסט זיך צו זיין טעמפּעראַמענט.

—אויב איהר פאָהרט דאָ נאָך ווייטער, דאָ אויף'ן וועג צו'ם בית-עלמין, וועל איך אייך, פערשטעהט זיך, אָנקלאָגען, — האָט פּיפּזאַם אַרויסגערעדט מיט אַ געהעכערטער, ציטערענדער שטימע. אָבער דאָס לעבען האָט זיך לעכערליך ווייניג געקימערט וועגען דעם; עס איז געפאָהרען ווייטער געשווינדער און געשווינדער.

ווען איהר וואָלט אין דעם אויגענבליק געזעהען לאָבגאָט פּיפּזאַם'ס געזיכט, וואָלט איך בעפאַלען אַן אימה. ער האָט אַזוי שטייף צוזאַמענגעדריקט זיינע ליפּען, דאָס זיינע באַקען און די פלאַמענדע נאָז האָבען זיך אינגאַנצען איבערגעדרעהט, און זיינע אויגען, פון אונטער די אונגאַטירליך—הויך אויפגעהויבענע ברעמען, האָבען מיט אַ משוגענעם אויסדרוק נאָכגעקוקט דעם אַוועקלויפענדען וועלאָסיפּעד. פּלוצים האָט ער זיך געלאָזט לויפען. ער איז שמיידיג איבערגעלאָפען די קורצע שטרעקע ביז צו דער מאַשין און האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר די טאַש ביי'ם זאָטעל. מיט ביידע הענד האָט ער זיך אָנגעטשעפּעט אָן איהר, איז געבליבען אינגאַנצען הענגען אויף איהר, מיט אונמענשליך—שטאַרק פערדריקטע ליפּען, שווייגענדיג, מיט ווילדע אויגען, און מיט אַלע קרעפטען האָט ער געצויגען דעם לויפענדען און באַלאַנסירענדען וועלאָסיפּעד.

ווער עס וואָלט איהם געזעהען, וואָלט ניט געוואוסט, וואָס צו טראַכטען: צו מיינט ער פון פערדרוס ניט צו לאָזען דעם יונגערמאַן צו פאָהרען ווייטער, אָדער ער ברענט פון חשק — מיטגענומען צו ווערען, אַרויפצוקלעטערן הינטען און מיטצופאָהרען, אויך אַ ביסעל וואַנדערן, מיט גלענצענדע פּעדאַלען, אין גאָט'ס פרייע וועלט אַריין, הוראַ!...

דער וועלאָסיפּעד האָט ניט געקאָנט לאַנג זיך וועהרען געגען דער דאָזיגער משא; ער איז געבליבען שטעהן, האָט זיך אָנגעבויגען, האָט זיך איבערגעקעהרט.

דאַן אָבער האָט דאָס לעבען אָנגעהויבען צו האַנדלען גראָב. שטעהענדיג אויף איין פוס, האָט עס אויפגעהויבען די רעכטע האַנד און

געשענקט דעם הערדן פּיפּזאַם אַזאַ שטויס אין די ברוסט, דאָס ער איז צוריקגעפאַלען אויף פיעל טריט אַהינטער. דערנאָך האָט עס געזאָגט מיט אַ סטראַשענדיג-געהעכערטער שטימע:

—איהר זענט, קענטיג, שכור, גראָבער יונג! אויב איהר, מאָדנע אַנשיקעניש, וועט זיך ערלויבען מיך נאָך אַמאָל אָבצוהאַלטען, וועל איך אייך דורכקלאַפּען, איהר פערשטעהט? איך וועל אייך אָנברעכען די ביינער! נעהמט זיך עס אין אַכט!

דערביי האָט זיך דאָס לעבען אומגעקעהרט מיט'ן רוקען צו הערדן פּיפּזאַם, האָט זיך ענטשלאָסען אָנגערוקט דאָס היטעלע אויפ'ן קאָפּ און איז ווידער אַרויפגעשפּרונגען אויפ'ן וועלאָסיפּעד. ניין, עס איז נישט געווען אין פערלעגענהייט, אַ האָר אויך ניט. האָט זיך אַוועקגעזעצט אַזוי געלונגען ווי פריהער. האָט זיך ווידער בלויז איין מאָל אָבגעשטויסען מיט'ן פוס, איז מיט זיכערהייט געזעסען אין זאָטעל און האָט גלייך בעהערשט די מאַשין. פּיפּזאַם האָט געזעהען, ווי דער רוקען דערווייטערט זיך שנעלער און שנעלער.

ער איז געשטאַנען, האָט געסאָפּעט און נאָכגעקוקט דאָס לעבען. עס איז נישט געפאַלען, קיין אונגליק האָט מיט דעם נישט פּאַסירט, קיין געפּלאַצטע שינע, קיין שטיין אויפ'ן וועג; עס איז שנעל אַוועקגעפאָהרען. דאַן האָט פּיפּזאַם אָנגעהויבען צו שרייען און שעלטען. — זיין געשריי האָט מען געקאָנט אָננעהמען פאַר עפּעס אַ מין געבריל, נאָר קיין מענשליכע שטימע איז עס ניט געווען.

—איהר'ט ווייטער נישט פאָהרען! — האָט ער געשריגען. —איהר וועט עס נישט טהון! איהר מוזט פאָהרען דאָרט אַרום, אָבער נישט אויפ'ן וועג צו'ם בית-עלמין, איהר הערט?!. איהר וועט אַראָבגעהן גלייך, די מינוט! אָ, אָ! איך וועל אייך אָנקלאָגען! אָנקלאָגען! אַך, גאָט מיין גאָט, וואָלסטו נאָר געפאַלען, געפאַלען, דו לייכטזיניגע קאַנאַליע. — מיט די פיס וואָלט איך דיך געטראָטען, מיט די שטיוועל אויפ'ן פּנים, דו פערשאָלטענער שנעק וואָס דו ביזט!..

אַזעלכעס איז נאָך נישט געהערט און נישט געזעהען געוואָרען: אויפ'ן וועג צו'ם בית-עולם אַ מענש, וואָס שעלט און זידעלט! ער ברילט, און זיין געזיכט איז אָנגעגאָסען מיט בלוט. אַ מענש, וואָס טאַנצט פון קללות, דרעהט זיך, מאַכט מיט הענד און פיס, קאָן זיך ניט איינשטילען. דער וועלאָסיפּעד איז שוין פערשוואונדען, און פּיפּזאַם האָט נאָך אַלץ געליאַרמט אויף דיזעלבען פּלאַץ.

—האַלט איהם ! האַלט איהם ! ער פאָהרט איבער'ן וועג צו'ם בית־עלמין , וואָס ? ! דו גאַרנישט ! שטיק קלאָץ ! די הויט וואָלט איך פון דיר אַראָבגעשונדען , דו בלענד־בלויע אויגען , הונד מיט אויערען . גראָבער יונג ! . זיי געהען אַראָב ! אין דעם אויגענבליק געהען זיי אַראָב ! ווערט קיינער טאַקי ניט אַראָבשלייערן אויף דר'ערד דעם דאָזיגען טויגעניכטס ? ! . אַרומפאָהרען , וואָס ? אויפ'ן וועג צו'ם בית־עלמין ! וואַרפט איהם אַראָב , דעם שנעק ! אַך . . . אַך . . . וואָלסטו נאָר אַריינגעפאַלען אין מיינע הענד , נישט אמת ? וואָס נאָך ? זאָל דיר דער טייוועל זיי אַרויסדראַפּען , עס־הארץ דו , גראָבער יונג , גראָבער יונג , פע־ערד ! . .

פּיפּזאַם'ס רעד זענען געוואָרען נישט צו'ם איבערגעבען , ער האָט געזאָדען פון צאָרן און מיט אַן אָבגעהאַקטער שטימע האָט ער געשאָטען מיט די שענדליכסטע קללות און חרמות , און דאָס משוגעת פון זיין קערפּער איז אַלץ געוואַקסען . צוויי קינדער , מיט אַ קאָרב און מיט אַ הונד , זענען אונטער געקומען פון דער זייט פון שאָסע . זיי זענען אַריבערגעקראָכען דעם גראָבען , האָבען זיך דערנעהערט צו'ם שרייענדען מענשען און איהם נייגעריג אָנגעקוקט .

עטליכע מענשען , וואָס האָבען געאַרבייט ביי די נייע געביידען אָדער ביי וועלכע עס האָט זיך נאָר וואָס אָנגעפאַנגען זייער מיטאָג־שטונדע , זענען אויך געוואָרען אויפמערקזאַם און זענען צוגעקומען צו'ם וועג , מענער ווי פרויען . אָבער פּיפּזאַם האָט אַלץ געפּילדערט און איז נאָך ערגער געוואָרען . ווילד און צוטומעלט האָט ער געמאַכט מיט די פויסטען אין אַלע זייטען , געוואָרפען מיט די פיס , זיך גערדרעהט , איז געפאַלען און ווידער אויפגעשפרונגען , ברענענדיג פון תאוה צו שרייען אַלץ העכער און העכער . ער האָט ניט אויפגעהערט צו שעלטען אויף קיין איינציגע מינוט , ער האָט קוים צייט געהאַט צו עטהעמען , און ס'איז ערשטוינט צו ווערען , וואו האָט ער גענומען אַזוי פיעל ווערטער . זיין געזיכט האָט זיך שרעקליך אויפגעבלאָזען , דער צילינדער־הוט איז פערקראָכען אויפ'ן נאַקען , און זיין איבערגעבונדען פאָרהעמדעל איז אַרויסגעהאָנגען פונ'ם וועסטעל . ער איז שוין לאַנג אַריבער פון פרט צו'ם כלל און האָט געליאַרמט וועגען אַזעלכע זאַכען , וואָס האָבען אפילו קיין ווייטע שייכות נישט געהאַט צו'ם ענין . דאָס זענען געווען רמזים אויף זיין זינדיג לעבען און רעליגיעזע נביאות , געזאָגט מיט אַ גאַנץ אונפּאַסיגען טאָן און רייך בעפעפערט מיט זידעלווערטער .

—געהט אַהער , געהט אַלע אַהער ! — האָט ער געפּילדערט . —

ניִשט איהר, ניִשט בלויז איהר, נאָר אויך אַנדערע, איהר מיִט די הי־מעלעך און מיִט די בלענד־בלויע אויגען! איך וועל אייך אויסשרייען אַזעלכע ווארהייטען, פון וועלכע איהר וועט אייביג שוידערן, איהר לייכטזיניגע גאָרנישטען!.. איהר שציִרעט די צייהן? איהר דריִקט מיִט די אַקסלען?.. איך טריִנק... אָ, געוויִס טריִנק איך! איך שכור זאָנאַר, אויב איהר וויִלט וויִסען! וואָס בעטייט עס?! נאָך ניִשט געקומען דער לעצטער אָווענד! עס וועט קומען אַ טאָג, איהר ניִשטיִגע אויסוואָרפען, ווען גאָט דער האַר וועט אונז אַלע אויף די וואָגשאָל לעגען... אַך... אַך... דער מענשענזוהן וועט ערשיינען אין די וואָלקענס, איהר אונשולדיִגע קאַנאַליעס, און זיין גערעכטיִגקייט איז ניִשט פון ד ע ר וועלט! ער וועט אייך אַראָבשליידערן אין אָבגרונד פון פיִנסטערניִש, אַהיִן וואו קרעכצען ציִטערען, אייך פרעהליִכע היפאָקריִטען...

איהם האָט יעצט ארומגעריִנגעלט אַ היִבשער עולם. אייניִגע האָבען געלאַכט, אַנדערע—געקוקט אויף איהם מיִט פערוואָלקענטע ברעמען. פון די געביידען זענען אונטערגעקומען נאָך עטליִכע ארבייטער און אַרבייטאָריִנס. אַ פוהרמאַן האָט אָבגעשטעלט זיין וואָגען אויפ'ן וועג, איז אַראָב אויף די ערד, און מיִט דער בייטש אין האַנד איז ער אויך אַריִבער דעם גראָבען. איינער פון די דערבייאיגע האָט פיִפזאָם'ן אַ טרייסעל געטהון פאַר די האַנד, אָבער דאָס האָט קיין פעולה ניִט געהאַט. פאַרביי־געגאַנגען אַן אָבטיילונג סאָלדאַטען; זיי האָבען געצויגען די העלזער אין זייט און געלאַכט. דער הונד האָט זיך מעהר ניִט געקאָנט איינהאַלטען, האָט זיך אָנגעשפאַרט מיִט די פעדערשטע פיִס אָן די ערד, האָט אונטערגעבויגען דעם עק און גענומען קלאָגען גלייך איהם אין געזיִכט אַריין.

פלוציִם האָט לאָבגאָט פיִפזאַם אויסגעשריִען נאָך אַמאָל מיִט אַלע קרעפטען:

—וועסט אַראָבגעהן, וועסט גלייך אַראָבגעהן, דו אונוויִסענדער טפש!

מיִט דער האַנד האָט ער אָבגעצייכענט אַ גרויסען האַלבקרייז אין דער לופט און איז געפאַלען צו דער ערד. מיִט אַמאָל פערשטומט, איז ער געליִגען ווי אַ טונקעלער הויפען צוויִשען די נייגעריִגע. זיין בייכיִגער ציליִנדער־הוט איז אָבגעפלויגען אין אַ זייט, האָט אַ שפרונג געטהון איבער דער ערד און איז אויך געבליִבען ליִגען.

צוויי מויערער האָבען זיך אָנגעבויגען איבער פיִפזאָם'ן און מיִט'ן

בעטראַכטען פערשטענדיגען טאָן פון אַרבייטסמענשען האָבען זיי ארומגערעדט דעם פּאָרפאַל. דערנאָך האָט זיך איינער פון זיי אויסגעגלייכט און איז אַוועק מיט שנעלע טריט. די פערבליבענע האָבען נאָך אַ פּאָר מאָל געפּרובט אויפמונטערען דעם פער׳חלש׳טען. איינער האָט איהם בעשפּריצט מיט וואַסער, אַ צווייטער האָט זיך בענעצט די הענד מיט בראַנפען פון זיין פלאַש, און געריבען פּיפּזאַם׳ן די שלייפען, אָבער אָהן שום ערפאָלג.

אַזוי איז אַוועק אַשטיקעל צייט. דערנאָך האָט מען דערהערט אַ גרילצען פון רעדער, און מיט׳ן שאָסעע איז צוגעפאָהרען אַן עקיפּאַזש. דאָס איז געווען אַ סאַניטאַרען-קאַרעטע. געשפּאַנט איז זי געווען צו צוויי שענע פערדלעך, און אויף בײדע איהרע זייטען איז געווען אויסגעמאָלט אַ גרויסער צלם, צוויי מענשען, געקליידעט אין אוניפאָרם, זענען אַראָב פון זיך, און וועהרענד איינער איז צו — צו דער הינטערזייט פון דער קאַרעטע, האָט זי אויפגעשלאָסען און פאָרבערייטעט דאָס בעטעל, וואָס רוקט זיך אַרויס, איז דער צווייטער אַוועק אויפ׳ן וועג צו׳ם בית-עלמין, האָט אָבגעטריבען די לעדיגגעהער, און מיט דער הילף פון איינעם פון די אַנוועזענדע האָט ער צוגעשלעפּט דעם העררן פּיפּזאַם צו דער קאַרעטע. מ׳האָט איהם אַוועקגעלעגט אויף דאָס בעטעל און אַריינגערוקט, ווי אַ ברויטלאַבען אין אויווען. די טיר האָט זיך וויעדער פערשלאָסען, און די צוויי מענשען זענען אַרויף אויפ׳ן וואָגען. דאָס אַלעס איז געשעהען זעהר פּינקטליך, מיט דער הילף פון אַ פּאָר איינגעאיבטע בעוועגונגען, שנעל און אויטאָמאַטיש. ווי אין אַן אָפּען-טעאַטער.

און הערנאָך האָבען זיי לאָבגאָט פּיפּזאַם׳ן אַוועקגעפיהרט.

דער קליידער־שאנק.

דער קלײדערשאַנק.

עס איז געװען װאָלקענדיג , בין=השמשות׳דיג און קיהל , װען דער
שנעלצוג בערלין=רוים איז אַרונטערגעפאָהרען אונטער דאָס דאַך פון אַ
װאָקזאַל פון מיטעלער גרויס . אין אַ קופּע פון דער ערשטער קלאַס, מיט
שפּיצען=געאַרבייטע דעקען אויף די ברייטע פלושענע לעהנשטוהלען , האָט
זיך אויפגעהויבען אַן אײנזאַמער פּאַסאַזשיר , אַלבּרעכט װאַן=דער=קװאַלען .
ער האָט ערװאַכט פון שלאָף . דערפיהלט אַ שטומפּיגען געשמאַק אין
מויל . דעם קערפּער האָט אַרומגענומען אַ נישט זעהר אַנגענעהם געפיהל,
װאָס קומט פון דעם אָבשטעלען זיך נאָך אַ לאַנגען פאָהרען . װען די
ריטמיש=פאַלענדע קלאַפּערײַ װערט אַנטשװיגען און אין דער אומגעריכ=
טער שטילקייט צייכענט זיך אָב מאָדנע דייטליך יעדער שאָרך פון דרוי=
סען , די אויסרופען און סיגנאַלען . . . אָט װי פּלוצים זיך אויסניכטערן
פון אַ שװערע שברות . די נערװען פערליערען גלייך זייער שטיצע, דעם

ריטמוס, וואָס האָט זיי געוויילט — און זיי פיהלען זיך זעהר צעהורערט, פערלאָזען. בעזונדערס, אויב מ'ערוואַכט דאַן פון אַ שווערען אונטערוועגענס=שלאָף.

אַלבּרעכט וואַן=דער=קוואַלען האָט זיך אַ ביסעל אַ ציה געטהון, איז צו צום פענסטער און האָט אַראָבגעלאָזען די שויב. ער האָט געקוקט אין די לענג פון צוג. ביי'ם פאָסטוואַגאָן זענען פערשידענע מענשען געווען בעשעפטיגט מיט אַריינטראָגען פאַקעטען. דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַרויסגעלאָזען אַ פּאָר קלאַנגען, האָט אַ ביסעל געזאָרען, אַ ביסעל געגאָרגעלט, דערנאָך איז ער אַנטשוויגען געוואָרען און האָט זיך געהאַלטען שטיל; אָבער בלויז ווי אַ פערד, וואָס שטעהענדיג שטיל ציטערט עס, הייבט אַ קאָפּיטע, מאַכט מיט די אויערען און וואַרט בלויז אויף אַ ציילען צו ריהרען זיך פון אָרט. אַ הויכע, דיקע דאַמע מיט אַ זעהר פערטראָגען געזיכט האָט געשלעפּט פאַרביי די וואַגאָנען אַ שווערען טשעמאָדאַן, אונטער=האַלטענדיג און אונטערשטופּענדיג איהם מיט דער קניע: אָהן לשון, אויפגערעגט, מיט דערשראָקענע אויגען. בעזונדערס אין איהר הויך=אויפגעהויבענער אויבערשטער ליפּ מיט די קליינע טראָפּעלעך שווייס אויף איהר איז געווען עטוואָס זעהר ריהרינדעס. „נעבעך, ליעבינקע מיינע! — האָט וואַן=דער=קוואַלען געטראַכט — וואָלט איך דיר נאָר געקאָנט העלפען, פערשפּאָרען דיר טרחה, בערוהיגען דיך, שוין צוליעב דיין אויבערשטער ליפּ אַליין! איז אָבער איטליכער פאַר זיך, אַזוי איז עס שוין, שטעה איך דאָ אין דעם אויגענבליק אָהן שום שרעק און קוק אויף דיר, ווי אויף אַ זשוק וואָס איז געפאַלען אויפ'ן רוקען..“

אַ בין=השמשות האָט געהערשט אונטער'ן בעשיידענעם דאַך. איז עס געווען אָווענד אָדער פריהמאָרגען? ער האָט ניט געוואוסט. ער איז געשלאָפען און איז לחלוטין נישט אימשטאַנד צו זאָגען, אויב ער איז געשלאָפען צוויי, פינף אָדער צוועלף שטונדען.

האָט זיך איהם דען נישט געטראָפען צו שלאָפען פיער און צוואַנציג שטונדען נאָכאַנאַנד און נאָך מעהר, אָהן אַ שום איבעררייס, מיט אַ טיעפען. אויסערגעוועהנליך טיעפען שלאָף?

געקליידעט איז ער געווען אין אַ האַלב=לאַנגען, טונקעל=ברוינעם ווינטערראָק מיט אַ סאַמעטענעם קאָלנער. לויט'ן געזיכט איז שווער געווען צו זאָגען. ווי אַלט ער איז; מ'האָט געקאָנט צווייפלען צווישען פינף און צוואַנציג און דעם סוף פון פיערטען צעהנדלינג. זיין הויט איז געווען געלבליך, די אויגען אָבער — שוואַרץ, פינקלענד ווי קויהלען, אַרומגע-

ריִנגעלט פון אַ טיִעפער בלויקייט. זיי האָבען קיין גוטעס ניט פערשפראָכען. פערשיעדענע דאָקטוירים, אין אַן ערנסטען, אָפענהערציגען געשפרעך מיט איהם, האָבען איינער נאָכ׳ן צווייטען מודה געווען, — אַז ער האָט געצעהלטע מאָנאַטען... זיינע טונקעלע האָר זענען געווען גלאַט פערקעמט אויף אַ זייט.

אין בערלין, — הגם בערלין איז נישט געווען דער אויסגאַנגס פונקט פון זיין רייזע — האָט ער זיך צופעליג געזעצט מיט זיין רויט־לעדערנעם טשעמאָדאַן אין אַ צוג, וואָס האָט גראַדע געהאַלטען ביי׳ם אָבגעהן, דער נאָך איז ער געשלאָפען, און יעצט, אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָט ער זיך געפיהלט אויף אַזוי פיעל אויסער דער צייט, דאָס ער האָט געקריגען אַ שטאַרקע הנאה. קיין זייגער האָט ער ניט געהאַט.

ער איז גליקליך געווען פונ׳ם געדאַנק, אַז צום דינעם גאָלדענעם קייטעל, וואָס הענגט אַרום זיין האַלז, איז צוגעטשעפּעט בלויז אַ קליינער מעדאַליאָן, וואָס ליעגט ביי איהם אין וועסטעל, ער האָט נישט ליעב געהאַט צו וויסען די שטונדע, אפילו דעם טאָג; קיין קאַלענדער האָט ער אויך ניט געהאַט. שוין לאַנג איז ער לויז געוואָרען פון דער געוואוינהייט צו וויסען, וואָס פאַר אַ דאַטום עס איז, אפילו דעם מאָנאַט, אפילו די צייט פון יאָהר. אַלעס דאַרף הענגען אין דער לופטען, האָט ער געוועהנליך געטראַכט, און הגם דער אויסדרוק איז געווען עטוואָס טונקעל, האָט ער פערשטאַנען אונטער איהם אַ היבש ביסעל. זעלטען אָדער קיינמאָל האָט איהם וואָס געשטערט אין דעם דאָזיגען נישט־וויסען. ער האָט זיך געפלייסט צו ווייכען פון אַזעלכע שטערונגען. איז איהם דען נישט גענוג געווען צו בעמערקען בלויז אין ערך, וואו דאָס יאָהר האַלט?

הערבסט, ביז צו אַ געוויסען גראַד — האָט ער געטראַכט. קוקענדיג אויף די טריבע, פייכטע פלאַט־פאָרם. מעהר ווייס איך ניט. ווייס איך איבערהויפּט, וואו איך בין?.. און פלוצים, ביי דעם דאָזיגען געדאַנק איז זיין הנאה איבערגעגאַנגען אין אַ פריידיגען ציטער. ניין, ער האָט ניט געוואוסט, וואו ער געפינט זיך! נאָך אין דייטשלאַנד? אָהן צווייפעל. אין נאָרד־דייטשלאַנד? מ׳קאָן נישט וויסען. בעת זיינע אויגען זענען נאָך געווען פערנעבעלט פון שלאָף, האָט ער פון פענסטער געזעהען, ווי ס׳איז פאַרביי־געשוואומען אַ בעלויכטען ברעט, פיעלייכט מיט׳ן נאָמען פון דער סטאַנציע אויף דעם... קיין איינציגער שטריך פון אַ וועלכען עס איז בוכשטאַב האָט צו זיין מאַרך נישט דערגרייכט. ווען ער איז געווען נאָר וואָס פון שלאָף, האָט ער געהערט, ווי דער קאָנדוקטאָר האָט צוויי,

דריי מאָל אויסגערופען אַ נאָמען . . . ער האָט נישט בעקומען קיין אײנציגען קלאַנג. נאָר דאָרטען, אינ'ם בין־השמשות — ער האָט ניט געוואוסט: פון פאַרנאַכט צו פון פריהמאָרגען — איז געווען אַ פרעמד אָרט. אַ אונבעקאַנטע שטאָדט . . . אַלבּרעכט וואַן־דער־קוואַלען האָט גענומען זיין ווייכען הוט, געחאַפּט זיין רויטען טשעמאָדאַן מיט די לעדערבענדער, וואָס האָבען שטייף געהאַלטען אַ קאָלדערע פון זײַדוואָל אין ווייסע און רויטע קעסטעלעך, אין וועלכער עס האָט געשטעקט אַ שירם מיט אַ זילבערנעם הענטעל. און הגם זיין בילעט איז געווען ביז פלאָרענץ, איז ער אַרויס פון קופּע, איז דורכגעגאַנגען אונטער'ן בעשיידענעם וואָקזאַל־דאַך, האָט אַוועקגעגעבען זיין באַגאַזש צו היטען אין ביוראָ, האָט פעררויכערט אַ ציגאַר, אַרייַנגעלעגט די הענד — נישט געהאַט מיט זיך ניט קיין שירם, ניט קיין שטעקען — אין די קעשענעס פון זיין ראָק און האָט פערלאָזען דעם וואָקזאַל.

דרויסען, אויף אַ טריבען, פייכטען און גאַנץ אונבעלעבטען פלאַץ, האָבען אַ פינף, זעקס פוהרלייט געקנאַקט מיט די בייטשען.

אַ מענש אין אַ היטעל מיט גאָלדבאַנד, וואָס האָט זיך געוויקעלט פון קעלט און אַ לאַנגען מאַנטעל, האָט געזאָגט מיט אַ פראַגע־טאָן: —האָטעל „צו'ם װאָילען יונג״? וואַן־דער־קוואַלען האָט איהם העפליך בעדאַנקט און איז אַוועק גלייך מיט'ן וועג. מענשען זענען געגאַנגען מיט אויפגעשטעלטע קעלנער; דעריבער האָט ער אויך אַזוי געטוהן! האָט געלאָזען זינקען זיין קינבאַקען אין סאַמעט, האָט גערויכערט און איז געגאַנגען ניט געשווינד און ניט פאַמעלעך.

ער איז פאַרביי אַ דיקע שטיינערנע וואַנד, אַ טויער מיט צוויי מאַסיווע טורעמס און איז אַריבער איבער אַ בריק, מיט סטאַטוען ביי די זייטען. דאָס וואַסער אונטען האָט געפלאָסען פויל און געדיכט. אַ לאַנג, אַלט און שוואַך שיפעל איז פאַרבייגעשוואומען. אַ מענש איז געשטאַנען אויפ'ן הינטערטייל פון שיפעל און האָט גערודערט מיט אַ לאַנג דרענגעל. וואַן־דער־קוואַלען איז געשטאַנען אַ ביסעל און האָט זיך אַריבערגעבויגען איבער'ן געלענדער, ער האָט געטראַכט: אָט איז עפּעס אַ טייך. ס'אַנגענעהם, וואָס איך ווייס ניט, ווי ער הייסט . . . דערנאָך איז ער אַוועק ווייטער.

ער איז געגאַנגען נאָך אַ געוויסע צייט גלייך איבער'ן טראָטואַר פון דער גאַס, וועלכע איז געווען נישט צו ברייט, נישט צו שמאָל, דערנאָך האָט ער זיך גענומען לינקס. די קיילעכדיגע עלעקטרישע לאָמפּען

האבען זיך אנגעצונדען צוויי מאל, אויפבליצענד און מיט א קנאק, האבען זיי געלויכטען אין נעבעל. מ'האט געשלאסען די קראמען. הייסט עס, הערבסט אין אלע הינזיכטען, — האט וואן=דער=קוואלען א קלער געטהון און געשפאנט איבער'ן שווארצען, נאסען טראטואר! ער האט נישט געטראגען קיין קאלאשען, אבער זיינע שיך זענען געווען גאנץ בריים, דיך, פעסט און דאך נישט אהן עלעגאנץ.

לאנג איז ער געגאנגען לינקס. מענשען זענען געגאנגען פארביי, איילענדיג, צוליעב זייערע עסקים, פון זייערע בעשעפטיגונגען. — און איך געה צווישען זיי, האט ער געטראכט, אזוי איינזאם און פרעמד, ווי קיינמאל קיינער אין דער וועלט. איך האב ניט קיין בעשעפטיגונג, קיין צוועק, אפילו קיין שטעקעל, אויף אנצושפארען זיך. פרייער וועניגער געבונדען, גלייכגילטיגער קאן שוין קיינער ניט זיין. קיינער איז צו מיר ניט פערפליכטעט, און איך בין ניט פערפליכטעט צו קיינעם. גאט האט קיינמאל זיין האנד איבער מיר נישט אויסגעשפרייט. ער קען מיך גאר נישט. א סאליד אונגליק, אהן שום ערבארמונג, איז א גוטע זאך; מ'קאן זיך זאגען: איך בין גאט קיין זאך נישט שולדיג.

די שטאדט האט געהאלטען ביי'ם ענדיגען זיך. קענטיג, פונ'ם צענטר איז ער פערגאנגען ביז צו די קאנט=גאסען. ער האט זיך געפונען אויף א ברייטער גאס פון פארשטאדט מיט בוימער און וויללעס. ער האט זיך גענומען רעכטס, איז דורכגעגאנגען א דריי, פיער כמעט דארפישע, מיט גאז בעלויכטענע גאסען, און אויף איינער פון זיי, א ביסעל א ברייטערער, איז ער געבליעבען שטעהן פאר א הילצערנעם טויער, אויף דער זייט פון א געוועהנליכען, געדיכט=געל געפארבטען הויז, מיט אונדורכדרינגליכע, שטארק בולט'ע, שפיעגעל=גלעזערנע שויבען אין די פענסטער. צו'ם טויער איז פון דעסטוועגען געווען צוגעשלאגען א ברעטל מיט אן אויפשריפט: "אין דעם הויז, אויפ'ן דריטען שטאק, צימערען צו פערדינגען". אזוי? האט ער געזאגט, האט אוועק געווארפען דאס שטיקעל ציגאר, איז אריין אין טויער, דערנאך, פארביי דעם הילצערנעם פלויט צווישען דעם הויף און דעם צווייטען, אין די הויזטיר, מיט צוויי שפאן איז ער דורכגעגאנגען די פעדערשטע פלאטפארם מיט איהר אלטען גרויען פוסלויפער און האט גענומען שטייגען ארויף מי די איינפאכע הילצערנע טרעפ.

די טירען אין די עטאזשען זענען אויך געווען גאנץ בעשיידענע, מיט מאטע שויבן אין דראהטענע רעמלעך. וואו=ניט=וואו ברעטלעך מיט

נעמען. די טרעפּ-דורכגענג בעלויכטען פון קעראָסין-לאָמפּען. אויפן דרי-
טען שטאָק, דעם לעצטען, — העכער איז געווען דער בוידעם — זענען
רעכטס און לינקס פון די טרעפּ געווען נאָך איינגענג: איינפאַכע ברוינע
טירען; אויף זיי — קיינע נעמען. וואַן-דער-קוואַלען האָט אַ ציה געטהון
ביי דער מיטעלטיר דאָס מעשענע הענטעל פון גלאָק... עס האָט געגע-
בען אַ קלונג, אָבער קיין בעוועגונג האָט מען נישט געהערט. ער האָט
אָנגעקלאַפּט אין די לינקע טיר... קיין ענטפער. אין די רעכטע...
לאַנגזאַמע לייכטע טריט — און די טיר האָט זיך געעפענט.

עס האָט זיך בעוויזען אַ פרוי, אַ הויכע, מאָגערע דאַמע, לאַנג
און אַלט. זי האָט געטראָגען אַ הייבעל מיט אַ גרויסען בלאַס-בלויען
שלייף און אַן אַלט-מאָדיש, אָבגעקראָכען, שוואַרץ קלייד. אַן איינגעפאַ-
לען פייגעלש פנים און אויפ'ן שטערן אַמאוס'ע בייל, אַ סאָרט קרעציג
ווילדפלייש, עהנליך צו מאָך.

דאָס האָט אויס געזעהען גאַנץ עקעלהאַפט.

„גוטען אָוועגד" האָט וואַן-דער-קוואַלען געזאָגט, „די צימערען...".

די אַלטע דאַמע האָט אַ נייג געטוהן דעם קאָפּ; אַ נייג געטהון לאַנגזאַם,
אָהן לשון און מיט אַ בעדייטענדען געלעכטער און מיט אַ לאַנגזאַמער
מידער, איידעלער בעוועגונג פון איהר שענער, ווייסער, לאַנגער האַנד
האָט זי אָנגעוויזען אויף די לינקע טיר געגען'איבער. דערנאָך איז זי פער-
שוואונדען און איז צוריקגעקומען מיט אַ שליסעל. אָט, — האָט ער גע-
קלערט, שטעהענדיג הינטער איהר, וועהרענד זי האָט אויפגעשלאָסען, —
איהר זענט ווי אַ גייסט, ווי אַ פיגור פון האָפמאַן'ס מעשה'לעך, מאַ-
דאַם... זי האָט אַראָבגענומען פון הענקעל די קעראָסין-לאָמפּ און האָט
און האָט איהם איינגעלאַדען אַריינצוגעהן.

זיי זענען אַריין אין אַקליינעם, נידעריגען לאָקאַל מיט אַ ברוינער
פּאָדלאָגע; נאָר די ווענד זענען פון אויבען ביז אַראָב געווען פערפּוצט
מיט העל-געלע שטרויה-טרעטער. דאָס פענסטער אין דער הינטערשטער
וואַנד רעכטס איז געווען פערהאָנגען מיט אַ ווייסען מוסלין-פאָרהענגעל,
וואָס איז געהאַנגען אין לאַנגע גלייכע פאַלדען. רעכטס האָט אַ טיר גע-
פיהרט אין דאָס צווייטע צימער.

די אַלטע דאַמע האָט עס געעפענט. אויפהייבענדיג די לאָמפּ. דאָס
צימער האָט אויסגעזעהען שרעקליך לעדיג. אויף די הוילע ווייסע ווענד
האָבען זיך אָבגעצייכענט דריי העל-רויטע וויענער שטוהלען, ווי יאַגדעס
אויף שמאַנט. אַ קליידער שאַנק, אַ וואַשטיש מיט אַ שפּיעגעל... אַ

אָנגעהײַער גרויס בעט, פון מאַהאָגאַני=האָלץ, איז געשטאַנען פרײַ אין מיטען צימער.

„איהר האָט עפּעס דאַגעגען?“ האָט די אַלטע דאַמע געפרעגט, איבערפיהרענדיג מיט איהר שנער. ווײַסער האַנד איבער דער בײַל אויפ'ן שטערען . . . זי האָט, קענטיג, זיך אויסגעדריקט אַזוי בלויז פון צעטראָגענקייט, נישט געפינענדיג אין דעם אויגענבליק קיין פאַסענדערע ווערטער. זי האָט גלייך צוגעגעבען: „אַזוי צו זאָגען?“ — „ניין, איך האָב גאָרנישט דאַגעגען“, האָט וואַן=דער=קוואַלען געענטפערט. „די צימערען זענען צוגעקליבען גאַנץ וויציג. איך נעהם זיי . . . איך וואָלט וועלען, עמיצער זאָל ברענגען מײַנע זאַכען פון וואָקזאַל, אָט איז די קוויטאַנציע. איהר וועט זײַן אַזוי פרײַנדליך מיר מאַכען דאָס בעט, שטעלען אַ נאַכטטישעל . . . גלייך מיר געבען אַ שליסעל פון הויז, אַ שליסעל פון דער וואָהנונג . . . ווי אויך אַ פּאָר האַנדטיכער. איך וויל זיך אַ ביסעל ברענגען אין אָרדענונג, דער נאָך געהן אין שטאָדט עסען און זיך אומקעהרען שפּעטליך“.

ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ ניקעליזירט טואַלעט=קעסטעלע, פון דאָרט — אַ שטיקעל זייף און האָט גענומען אָפּפרישען זיך די הענד און דאָס פּנים בײַם וואַשטיש. דערבײַ האָט ער צו ביסלעך אַרויס געקוקט דורך די פון דרויסען בולט'ע שויבען פון פענסטער אויף די בלאָטיגע גאַסען פון פאָרשטאָדט. אויף די גאַז=בעלײַכטונג, די קײַלעכדיגע לאָמפּען, די לאַנד=הײַזער . . . ווישענדיג די הענד, איז ער צוגעגאַנגען צו'ם קליידערשאַנק, וואָס איז געווען פּירקאַנטיג, ברוין געפאַרבט, מיט אַן אײַנפאַך — געשניצט קעפּעל, האָט זיך אַ ביסעל געשאָקעלט. דער שאַנק איז געשטאַנען אין דער מיט פון דער רעכטער וואַנד. פּונקט אין דער נישע פון אַ צווייטער ווײַסער טיר, וואָס האָט וואַרשײַנליך געפיהרט צו'ם לאָקאַל מיט דעם הויפּט=אײַנגאַנג פון די טרעפּ אין איהם. פאַרהאַן דיר זאַכען אויף דער וועלט, וואָס זענען גוט אײַנגעריכטעט, — האָט וואַן=דער=קוואַלען אַ טראַכט געטהון. — דער דאָזיגער שאַנק פּאַסט זיך צו דער טיר=נישע, פּונקט ער וואָלט ספּעציעל פאַר איהר געמאַכט געוואָרען . . . ער האָט אויפגעעפענט . . . דער שראַנק איז געווען אינגאַנצען לעדיג, מיט עטליכע צײַלען העקלעך פון אויבען; אָבער דאָס דאָזיגע סאָלידע שטיק מעבעל האָט ניט געהאַט קיין הינטערשטע וואַנד; אַנשטאָט איהר איז צו דער הינטערשטער עפענונג געווען צוגעשטאָכען מיט נאָדלען אָדער קנאָפּנעגעלעך אַ שטיק געוועהנליכער, גרויער און געדיכטער שטאָף. וואַן=

דער=קוואלען האט פערשלאסען דעם שאנק, האט אנגעטהון דעם הוט,
אויפגעשטעלט דעם קאלנער פון זיין אויבערראק, פערלאשען דאס ליכט
און איז ארויסגעגאנגען. ווען ער איז געגאנגען דורך דאס פאדער=צימער,
האט זיך איהם געדאכט, אז מיט'ן שארך פון זיינע טריט גיעסט זיך צו=
זאמען א קלאנג, א שטילער, דורכזיכטיגער, מעטאלענער קלאנג, וואס
קומט פון די שכנ'ישע צימערען... נאר עס איז זעהר מעגליך, אז
איהם האט זיך עס בלויז אויסגעדאכט. פונקט ווי א גאלדענער רינג,
וואס פאלט אין א זילבערנעם בעכער, — האט ער א טראכט געטהון,
פערשליסלנדיג די וואהנונג, איז אראב פון די טרעפ, האט פערלאזען
דאס הויז און אויסגעזוכט דעם וועג צוריק אין שטאדט אריין,

אויף א לעבעדיגער גאס איז ער אריין אין א בעלויכטענעם רעסט=
אראן, האט פערנומען איינס פון די פעדערשטע טישלעך, וויזענדיג
דעם רוקען דער גאנצער וועלט. ער האט געגעסען א זופ פון גרינע
מאנדלען, א ביפסטייק מיט אייער, קאמפאט, א שטיקעל גרינעם קעז
און א האלבע בארנע. געהייסען געבען וויין. אבגעצאהלט און אנגעטהון
זיך, האט ער זיך צוויי מאל פערצויגען פון א פאפיעראס, האט פערדרוי=
בערט א ציגאר און איז ארויס. ער האט א ביסעל געבלאנדזעט,
אויסגעפינען דעם וועג צו זיך אין פארשטאדט און נישט געאיילט, זיך
אומגעקעהרט אהיים.

דאס הויז מיט די שפיגעל=שויבען איז געווען פערזונקען אין פינ=
סטערניש און שטילקייט, ווען וואן=דער=קוואלען האט געעפענט די הויז=
טיר און איז ארויפגעגאנגען דורך די פינסטערע קארידארען. ער האט
אנגעצונדען א שוועבעלע און זיך צוגעלויכטען, האט געעפענט די ברוינע
טיר אויפ'ן דריטען שטאק צו זיינע צימערען. אוועקגעלעגט דעם הוט
און אויבערראק אויפ'ן דיוואן, האט ער אנגעצונדען די לאמפ אויפ'ן
גרויסען שרייבטיש און האט געפונען אויף איהם זיין טשעמאדאן און דעם
צונויפגעדרעהטען פלעד מיט'ן שירם אין איהם, אויפגעוויקעלט דעם
פלעד, ארויסגענומען פון דארט א פלאש קאניאק, פון טשעמאדאן — א
גלעזעל און האט זיך אוועקגעזעצט אין א לעהנשטוהל, זופענדיג צו בים=
עלעך, דערווייערנדיג זיין ציגאר. עס איז אנגענעהם, האט ער געטרא=
כט, וואס פון דעסטוועגען איז פאראן קאניאק אויף דער וועלט...
דערנאך איז ער איבערגעגאנגען אין שלאפצימער, האט אנגעצונדען א
ליכט אויפ'ן נאכטטישעל האט פערלאשען די לאמפ אין צווייטען צימער
און זיך גענומען אויסטהון. נאר אבשפילענדיג די הויזענהאלטערס, האט

ער זיך דערמאָנט אָן דעם הוט און ראָק, וואָס ער האָט געלאָזען אויפ׳ן די וואַן; ער האָט זיי געבראַכט, געעפענט דער קליידערשאַנק... ער איז אָבגעטראָטען אויף אַ שפּאַן אַהינטער און האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט אַ האַנד פאַר איינע פון די פיער געטאָקטע גרויסע מאַהאָגאַני=קוגלען, וואָס האָבען בעציערט די ווינקלען פון בעט.

דאָס בעוועגליכע פלעמעל פונ׳ם ליכט האָט בעלויכטען דאָס צימער מיט די הוילע, ווייסע ווענד, אויף וועלכע די רויטע לאַקירטע שטוהלען האָבען זיך אָבגעצייכענט ווי מאַלינעס אויף שמאַנט. אָבער דער שאַנק מיט דער בּרייט=געעפענטע טיר איז נישט געוועזען לעדיג; עמיצער איז אינווענדיג געשטאַנען, עפּעס אַ פיגור, אַזאַ בעזונדערע בעשעפעניש, דאָס וואַן=דער=קוואַלען׳ס האַרץ האָט זיך אויף איין אויגענבליק אָבגעשטעלט, דערנאָך גענומען קלאַפּען שטאַרק, לאַנגזאַם, צאַרט,... זי איז געוועזען אינגאַנצען נאַקעט, איין האַנד איהרע, שמאָל און צאַרט, איז געוועזען אויפגעהויבען און דער צווייטער פינגער איז געלעגען אויף איינעם פון די העקעלעך, וואָס אין אויבערשטען טייל פון שאַנק. הוואַליעס לאַנגע טונקעלע האָר זענען געלעגען אויף איהרע קינדערישע אַקסלען, פון וועלכע עס האָט געוועהט מיט אַזאַ חן, אַז ענטפערן האָט מען געקאָנט נאָר מיט אַ קרעכץ. אין איהרע לענגליכע שוואַרצע אויגען האָט זיך אָבגעשפּיגעלט דער גלאַנץ פונ׳ם ליכט... דאָס מויל איז געוועזען עטוואָס ברייטליך, אָבער זיין אויסדרוק אַזוי זיס, ווי די בעריהרונג פון שלאָפ׳ס ליפּען צום שטערן נאָך אַ טאָג פון פיין. די שלאַנקע פיס צוזאַמענגעדריקט, די טריט איינער האַרט נעבען צווייטען...

אַלברעכט וואַן=דער=קוואַלען האָט אַ פיהר געטהון מיט אַ האַנד איבער זיינע אויגען און האָט געקוקט... אויך האָט ער דערזעהען, אַז אין רעכטען ווינקעל פון שאַנק איז דער גרויער שטאָף געעפענט...

„ווי?“ האָט ער געזאָגט, „איהרט ניט אַריינגעהן?.. וואָס זאָג איך... אַרויסגעהן... איהרט ניט אויסטרינקען אַ גלעזעל קאָניאַק? אַ האַלב גלעזעל?..“ אָבער ער האָט אויף קיין ענטפער נישט געוואַרט און האָט איהם נישט געקראָגען. איהרע אויגען, פינקלענד, שמאָל און אַזוי שוואַרץ, דאָס זיי האָבען דוכט זיך גאָר נישט געזאָגט, רעטזעלהאַפט און שטום, זענען געוועזען אָנגעשטעלט אויף איהם, נאָר אין זיי האָט מען ניט געלעזען קיין מיין אָדער ענטפער, גלייך זיי האָבען איהם ניט געזעהען.

— דאַרף איך דיר דערצעהלען? — האָט זי פּלוצים געזאָגט מיט אַ רוהיגער, דורכגעדרונגענער שטימע.

—דערצעהל . . .—האָט ער געענטפערט .

ער האָט זיך זיצענדיג אַראָבגעלאָזען אויפ'ן ברעג פון בעט , דער אויבערראָק אויף די קניען און די צונויפגעלעגטע הענד אויף איהם . דאָס מויל אַביסעל אָפען און די אויגען האַלב געשלאָסען . אָבער דאָס בלוט איז צאַרט און וואַרעם געגאַנגען איבערן קערפער , און אין די אויערען האָט עס שטיל געקלונגען .

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אינוועניג אין שאַנק און מיט איהרע צאַרטע הענד האָט זי אַרומגענומען איין קניע , דער צווייטער פוס איז אַרויס געהאָנגען דרויסען . האָט צוגעדריקט די עלענבויגענס צו איהרע ניַשט-הויכע ברוסטען , און די עלאַסטישע הויט פון איהר קניע האָט געגלאַנצט זי האָט אָנגעהויבען דערצעהלען . . . האָט דערצעהלט מיט אַ שטילער שטימע , און דאָס פלעמעל פון ליכט האָט די גאַנצע צייט געציטערט אין שטומע טענץ .

צוויי זענען געגאַנגען דורך אַ סטעפּ . און איהר קאָפּ איז געלעגען אויף זיין אַקסעל . די גראָזען האָבען שטאַרק געשמעקט , נאָר וואָלקענס פון אָוועגד-נעבעל האָבען שוין געשטיגען אַרויף פון דער ערד : אַזוי האָט זיך עס אָנגעפאַנגען . און אָפט זענען דאָס געווען פערזען , וואָס האָבען זיך צוזאַמענגעשטעלט אויסערגעוועהנליך און זיס , ווי אין האַלב-דרימעל פון פיעבערהאַפטע נעכט . נאָר געענדיגט האָט זיך עס נישט גוט . דער שלוס איז געווען טרויעריג , עהנליך צו דעם , ווי צוויי האָבען זיך אַרומגענומען , זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איינעם , זייערע ליפּען האָבען זיך צוגעפּרעסט איינע צו די צווייטע , און בעת מעשה שטעכט איינער דעם אַנדערן אַ מעסער אין האַרץ , אמת , פון יענעם'ס טובה וועגען . אַזוי האָט זיך עס געענדיגט . גלייך דערנאָך האָט זי זיך אויפגעהויבען מיט אַ אונענדליך—שטילער און בעשיידענער בעוועגונג . האָט זיך דורכ-געגליטשט אונטער דער רעכטער העלפט פון דעם גרויען שטאָף , וואָס האָט געבילדעט דאָס הינטערשטע ווענטעל פון שאַנק . און איז נישט געוואָרען .

פון דעמאָלט אָן האָט ער זי יעדען אָוועגד געפונען אין שאַנק ' האָט זי אויסגעהערט . . . וויפיעל אָוועגדען ? וויפיל טעג , וואָכען אָדער מאָנאַטען איז ער פערבליעבען אין יענער וואָהנונג . אין יענער שטאָדט ? ועמען וואָלט עס גענוצט צו וויסען אַ ציפער ? ועמען וואָלט פערגעניגען

פֿערשאַפֿט אַ גישטיגע צאָהל ? . . און וויסען ווייסען מיר, אַז פֿערשיעדענע דאָקטוירים האָבען וואַן־דער־קוואַלעג׳ען פֿערשפּראָכען בלויז געצעהלטע מאָנאַטען.

זי האָט דערצעהלט . . . און טרויריגע ערצעהלונגען זענען דאָס געווען. אָהן טרייסט; נאָר מיט אַ זיסער שווערקייט האָבען זיי זיך געלעגט אויף דאָס האַרץ, לאַנגזאַמער און גליקזעליגער האָט עס געשלאָגען פֿון זיי. אָפֿט פֿלעגט ער זיך פֿערגעסען: דאָס בלוט האָט געשלאָגען אין קאָפּ אַריין, ער האָט געשטרעקט צו איהר זיינע הענד, און זי האָט זיך נישט געוועהרט. אָבער פֿיעלע אָווענדען דערנאָך האָט ער זי אין שאַנק נישט געפֿונען, און אַז זי האָט צוריגעקעהרט, האָט זי נאָך פֿיעלע אָווענדען גאָרנישט דערצעהלט, האָט לאַנגזאַם ווידער אָנגעפֿאַנגען און פֿאָרטגעזעצט, ביז ער האָט זיך ווידער פֿערגעסען.

ווי לאַנג האָט זיך עס געצויגען . . . ווער ווייסט? ווייסט דען ווער אפילו, דאָס אַלבּרעכט וואַן־דער־קוואַלען האָט ווירקליך ערוואַכט דעמאָלט, אין יענעם נאָכמיטאָג, און איז אַוועק אין אַנ׳אונבעקאַנטע שטאָדט? מעגליכער, אַז ער איז גאָר געשלאָפֿען, אין זיין קופּע ערשטער קלאַס, געטראָגען דורך די בערג מיט אַנ׳אונגעהייערער שנעלקייט אין׳ם צוג בערלין־רוים? ווער פֿון אונז וועט ענטשיידען דיזע פֿראַגע בעשטימט און אויף זיין פֿעראַנטוואָרטליכקייט? דאָס אַלעס איז ווייט נישט בעשטעטיגט. „אַלעס דאַרף העגגען אין דער לופֿטען . . .״.

דער קליינער
הערר פרידמאן.

דער קליינער הערר פרידמאן.

I

שולדיג איז געווען די אם. — וואס האט עס געהאלפען, וואס פרוי קאנסול פרידמאן האט איהר שטרענג פערזאגט, זי זאל אונטערדריקען איהר מיאוס'ע טבע, נאך דאן, ווען ס'איז ענטשטאנען דער ערשטער חשד? וואס האט עס געהאלפען, וואס זי האט איהר אויסער דעם נאהרהאפטען ביער געגעבען אלע טאג א גלעזעל רויטוויין? עס האט זיך פלוצלונג ארויסגעשטעלט, אז דאס דאזינע מיידעל פלעגט אויך טרינקען דעם ספירט, וועלכער האט געזאלט פערברויכט ווערען פאר דעם קאך-אפאראט, און איידער זי איז דערפאר בעלוינט געווארען, ווי זי האט עס פערדיענט, איידער מען האט בעוויזען צו געבען איהר א פוהר מיט א גלעקעל, איז דאס אומגליק געשעהן. אז די מוטער מיט איהרע דריי האלב-דערוואקסענע טעכטער האט זיך איינמאל אומגעקעהרט פון גאס אהיים, איז דער קליינער יאהאנעס, קוים א מאנאט אלט, געלעגען אויף דער ערד, אראבגעפאלען פונ'ם וויקעלטיש, און האט שרעקליך שטיל געקרעכצט, און די אם איז תמ'עוואטע געשטאנען דערנעבען.

דער דאקטאר, וואס האט מיט זעהר א פארזיכטיגער און אבגעהיטער געשיקטהייט געפרובט די גליעדער פון דעם געקרימטען און צוקענדען ווערען, האט געמאכט א זעהר און זעהר ערנסט פנים, די דריי טעכטער האבען געחליפעט אין א ווינקעל, און פרוי פרידמאן האט מיט א געבראכען הארץ געוויינט אויפ'ן קול.

די ארימע פרוי האט נאך פאר דעם קינדס געבוירען ווערען געמוזט איבערלעבען א שרעקליך אומגליק: איהר מאן, דער האלענדישער קאנסול, איז איהר אוועקגעשטארבען פון א קראנקהייט, וועלכע איז גע-

קומען פונקט אזוי אומגעריכט, ווי העפטיג, און זי איז איצט געווען צו צובראכען, זי זאל איבערהויפט קענען האפען, אז דער קליינער יאהאנעס וועט ביים לעבען בלייבען. דאך האט איהר דער דאקטאר ערקלערט אין צוויי טעג ארום, מיט אנ'ערמוטיגענדען האנד־דריקען, אז קיין געפאהר איז שוין איצט מעהר נישט פארהאן, אז די טעטיגקייט פון דעם מארך איז בעפרידיגענד, וואס דאס איז שוין צו דערקענען אין די אויגען, וועלכע קוקען שוין מעהר נישט אזוי שטאר ווי אין אנהויב... נאטירליך מוז מען אבווארטען, ווי די זאך וועט זיך ווייטער ענטוויקלען — און האפען אויף דאס בעסטע, ווי געזאגט, האפען אויף דאס בעסטע...

II

דאס גרויע הויז, וואו יאהאנעס פרידמאן איז אויפגעוואקסען, איז געלעגען ביים צפון־טויער פון דער אלטער, קוים מיטעלגרויסער האנדעלסשטאדט. דורך די הויז־טהיר פלעגט מען בעטרעטען א גערוימיגער פארלאגע, געפלאסטערט מיט שטיינפלאטען, און פון דאנען האבען געפיהרט טרעפ מיט וויים־געמאלטע פארענצען אין די עטאזשען ארויף. די טאפעטען פון דעם וואוינצימער אין ערשטען שטאק האבען פארגעשטעלט פערבלייכטע לאנדשאפטען, און ארום דעם שווערען מאהאגאניטיש מיט דער טונקעל־רויטער פליושענער דעקע זענען געשטאנען שטייפלעהניגע מעבעל.

דא איז ער קינדווייז אפט געזעסען ביים פענסטער, פאר וועלכען עס האבען זיך שטענדיג געצויגען אין דער הויך שענע בלומען, אויף א קליינעם פוסבענקעלע צופוסען זיין מוטער, און האט זיך שטיל צוגעהערט צו איהרע וואונדערליכע געשיכטען, בעטראכטענדיג איהר גלאטען, גרויען שייטעל און איהר גוטעם זאנפטמוטיגעם געזיכט און אטעמענדיג דעם שטילען דופט, וועלכער האט פון איהר שטענדיג געהויכט. אדער ער פלעגט זיך לאזען דערלאנגען דעם פאטערס בילד, — א פריינדליכער הערר מיט גרויע באקענבארדען. ער האט זיך געפונען אין הימעל, האט די מוטער געזאגט, — און האט זיי דארט אלעמען ערווארט.

הינטער'ן הויז איז געווען א קליינער גארטען, וואו מען פלעגט זומערצייט צוברענגען א גוטען טייל פון טאג, נישט קוקענדיג אויף די

זיסליכע פארע, וועלכע האט כמעט שטענדיג געוועהט אהערצו פון א דערבייאיגען צוקער=זאוואד. אנ׳אלטער קנאריגער בוים פון וועלישע ניס איז דארט געשטאנען, און דער קליינער יאהאנעס איז אפט געזעסען אין זיין שאטען אויף א נידריגען האלצשטוהלכעל און האט געקנאקט ניס, אין דער צייט ווען פרוי פרידמאן און די דריי איצט שוין דערוואקסע= נע טעכטער זענען געוועזן צוזאמען אין א ביידעל פון גרויען זעגעלטוך. דער מוטערס בליק אבער פלעגט זיך אפט אברייסען פון איהר האנדאר= בייט און פלעגט זיך מיט וועהמוטיגער פריינדליכקייט ווענדען אויף דאס קינד.

ער איז געוועזן נישט שען, דער קליינער יאהאנעס, און ווען ער פלעגט אזוי זיצען מיט זיין שפיציגער און הויכער ברוסט, מיט זיין וויט ארויסגערוקטען רוקען און מיט זיינע אונגעוועהנליך לאנגע און מאגערע הענד און האט מיט געשיקטער פלייסיגקייט געקנאקט זיינע ניס, פלעגט ער האבען א העכסט זעלטזאמען אויסזעהן. זיינע הענד און פיס אבער זענען געוועזן צארט געפארמט און שמאל, און ער האט געהאט גרויסע גאזעל=ברוינע אויגען, א ווייכגעשניטען מויל און פיינע ליכט=ברוינע האהר. און האטש זיין געזיכט איז אזוי יאמערליך געזעסען צווישען די פלייצעס, האט עס דאך געקענט הייסען א שען געזיכט.

III

אז ער איז אלט געווארען זיעבען יאהר, האט מען איהם געשיקט אין די שול אריין. און אזוי זענען די יאהרען פערגאנגען איינפארמיג און שנעל. טעגליך פלעגט ער וואנדערן מיט דעם קאמיש ערנסטען גאנג פון דערוואקסענע לייט צווישען די הייזער און קלייטען צו דעם אלטען שול= הויז מיט די גאטישע געוועלבען; און ווען ער פלעגט אין דער היים פערענדיגען זיין ארבייט, פלעגט ער לייענען זיינע ביכער מיט די שענע, בונטע טיטעלבילדער אדער זיך בעשעפטיגען אין גארטען, אין דער צייט ווען די שוועסטער האבען געפיהרט די בעל=הבתישקייט אנשטאט דער קראנקער מוטער. אויך פלעגען זיי בעזוכען געזעלשאפטען, דען די פרידמאנ׳ס האבען געהערט צו די פני פון דער שטאדט; אבער חתונה האבען זיי נאך לעדער נישט געהאט, ווייל זייער גדן איז געוועזן

ניִשט איִבּריִגס גרויס און זיי זענען געווען גאַנץ מיאוס.

יאָהאַנעס פלעגט אויך זעהר אָפט איינגעלאַדען ווערען פון די חברים זייַנע אין פערשיִעדענע ערטער, ער האָט אָבער געהאַט ניִשט פיִעל פרייד פון דעם פערקעהר מיִט זיי. ער האָט ניִשט געקענט אַנטייל נעהמען אין זייערע שפּיִעלען, און אַזוי ווי זיי פלעגען שטענדיִג בעגעגענען פון זייַט אַ געפּאַנגענע צוריִקהאַלטונג, האָט עס ניִשט געקענט קומען צו חבר׳שאַפט צוויִשען זיי.

עס איִז געקומען די צייַט, ווען ער פלעגט זיי אָפט טרעפען ריידען אויפ׳ן שולהויף פון געוויִסע איִבּערלעבּונגען; אויפמערקזאַם און מיִט גרויסע אויגען האָט ער זיִך צוגעהערט, ווי זיי פלעגען מיִט התפעלות דערצעהלען וועגען דעם אָדער יענעם קליין מיידעלע, און האָט דערבּיי געשוויגען. די דאָזיִגע זאַכען, האָט ער זיִך געזאָגט, פון וועלכע אַנדערע זענען קענטיִג געווען איִנגאַנצען בּעהערשט, געהערען צו די, וועלכע זענען ניִשט פאַר איִהם, אַזוי ווי גיִמנאַסטיִק און באַלען־שפּיִעל. דאָס האָט איִהם מאַנכמאָל געמאַכט אַ בּיִסעל טרויעריִג; צום סוף אָבער האָט ער זיִך איינגעוועהנט, צו שטעהן פאַר זיִך און ניִשט צו טיילען די איִנטערעסען פון די אַנדערע.

דאָך איִז עס געשעהן, אַז ער — ער איִז דאַמאָלס אַלט געווען זעכצעהן יאָהר — האָט דערפיִהלט אַ פלוצליִכע נייגונג צו אַ מיידעל, מיִט איִהם איִן איינע יאָהרען. זי איִז געווען די שוועסטער פון איינעם זייַנעם אַ שול־חבר, אַ בּלאָנדעס, אויסגעלאַסען פרעהליִכעס בּעשעפעניִש און בּיי איִהר בּרודער האָט ער זי קענען געלערנט. ער פלעגט פיִהלען אַ זעלטזאַמע פערלעגענהייט איִן איִהר נאָהנטקייט, און די בּעפאַנגענע און קיִנסטליִך פרייַנדליִכע אַרט, מיִט וועלכער זי האָט איִהם בּעהאַנדעלט, פלעגט איִהם ערפיִלען מיִט טיִעפער טרויעריִגקייט.

ווען ער איִז איינמאָל איִן אַ זומערדיִגען נאָכמיִטאָג איינזאַם אַרויס שפּאַציִרען אויף דעם וואַל היִנטערן שטאָדט, האָט ער דערהערט היִנטער אַ זשאַסמיִן־קוסט אַ שטיִל געמורמעל און האָט זיִך פאָרזיִכטיִג גענומען צוהערען דורך די צווייַגען. אויף דער בּאַנק, וואָס איִז דאָרט געשטאַנען, איִז געזעסען יענע מיידעל נעבען אַ לאַנגען, רויטקעפּיִגען יונגעל, וועלכען ער האָט זעהר גוט געקענט; ער האָט זי געהאַלטען אַרומגענומען מיִט דער האַנד און האָט איִהר אַ קוש געגעבען איִן די ליִפען; זי האָט עס איִהם צוריִקגעקעהרט מיִט אַ היִלכיִג געלעכטער. אַז יאָהאַנעס פ ר י ד מ אַ ן האָט דאָס דערזעהן, האָט ער זיִך אומגעקעהרט און איִז

שטיל אוועק פון דאַנען.

זײן קאָפּ איז געזעסען צווישען די אַקסלען טיעפער ווי אַלע מאָל, זײנע הענד האָבען געציטערט, און אַ שאַרפער, דריקענדער שמערץ האָט זיך איהם אויפגעהויבען פון דער ברוסט צום האַלז אַרויף. אָבער ער האָט איהם פערשטיקט און זיך מיט ענטשלאָסענהײט ערמונטערט, אַזוי גוט ווי ער האָט עס פערמאָגט. „גוט“, — האָט ער צו זיך געזאָגט, — „דאָס איז צו ענדע. איך וועל מיך קײנמאָל מעהר נישט בעקימערן וועגען דאָס אַלעס. דעם אַנדערן איז ערלויבט גליק און פרייד, מיר אָבער קען עס נאָר אײביג ברענגען צער און לייד. איך בין דערמיט פאַרטיג. עס איז פאַר מיר אָבגעטהון. קײנמאָל מעהר. —“

דער ענטשלוס האָט אויף איהם גוט געווירקט. ער האָט זיך מיאש געווען, זיך מיאש געווען אויף שטענדיג. ער איז אַוועק אַהײם און האָט גענומען אַ בוך אין האַנד אָדער ער האָט געשפּיעלט פּיעדעל, וואָס ער האָט ערלערנט, נישט קוקענדיג אויף זײן פערוואַקסענע ברוסט

IV

צו זיעבענצעהן יאָהר האָט ער פערלאָזען די שול, צו ווערען אַ סוחר, ווי דער שטײנער איז געווען אין זײן קרײז, און איז אָנגעקומען אין דאָס גרויסע האָלצגעשעפט פון העררן ש ל י פ אָ ג ט, אונטען בײם טײך, אַלס אַ לערן־יונגעל. מען האָט איהם בעהאַנדעלט מיט מיטלײד. ער פון זײן זײט איז געווען פרײנדליך און צופריעדענשטעלענד, און אַזוי איז די צײט פערגאַנגען פרידליך און רעגעלמעסיג. צו זײן אײנאונצוואַנציגסטען לעבענס־יאָהר איז איהם אָבער נאָך לאַנגע לײדען אַוועקגעשטאָרבען די מוטער.

דאָס איז געווען אַ גרויסער שמערץ פאַר יאָהאַנעס פ ר י ד מ אַ נ ע ן, וואָס האָט איהם אויף לאַנג בעהערשט. ער האָט איהם גענאָסען, דעם שמערץ, ער האָט זיך איהם איבערגעגעבען, ווי מען גיט זיך איבער אַ גרויסען גליק, ער האָט איהם געשפּײזט און אָבגעהיט מיט טויזענד קינדהײטס־ערינערונגען און האָט איהם אײנגעזאַפּט אין זיך אַלס זײן ערשטע שטאַרקע איבערלעבונג.

איז דען דאָס לעבען אַן און פאַר זיך נישט עטוואָס גוטעס, גאַנץ

גלײַך, צי עס בעווײַזט זיך אונז דאָס, וואָס מיר רופען „גליקליך“? יאָ־האַנעס פּרידמאַן האָט דאָס געפיהלט, און ער האָט געליעבט דאָס לעבען. קײנער פערשטעהט ניט, מיט וואָסער אַן׳אינערליכער קראַפט האָט ער, אָבזאָגענדיג זיך פון דעם גרעסטען גליק, וואָס דאָס לעבען קען געבען, דאָך געוואוסט ווי צו געניסען די פרײדען, וועלכע זענען איהם געווען צוגענגליך. אַ שפּאַציערגאַנג פריהלינגסצײַט דרויסען אונטערן שטאָדט, דער דופט פון אַ בלום, דער געזאַנג פון אַ פויגעל — האָט מען דען ניט געקענט דאַנקבאַר זײַן פאַר אַזעלכע זאַכען?

און אַז בילדונג געהערט אויך צו די תענוגים פון לעבען, ווײַל געוויס, איז די בילדונג שטענדיג אַ תענוג, — דאָס האָט ער אויך פערשטאַנען: און ער האָט זיך געבילדעט. ער האָט געליעבט די מוזיק און פלעגט בעזוכען אַלע קאָנצערטען, וועלכע פלעגען נאָר פאָרקומען אין שטאָדט. ער האָט אַלײן געשפּיעלט צו ביסליך ניט שלעכט פּידעל און חאָטש ער האָט זיך דערבײַ אונגעוועהנליך מערקווירדיג אויסגעצײכענט, דאָך האָט ער זיך געפרעהט פון יעדען שענעם און ווייכען טאָן, וועלכער פלעגט איהם געלונגען. אויך האָט ער דורך פיעל לערנען מיט דער צײַט זיך ערוואָרבען אַ ליטעראַרישען געשמאַק, און האָט אין דער הינזיכט ניט געהאַט זײַן גלײַכען אין דער גאַנצער שטאָדט. ער איז געווען בעהאַוועגט איבער די נײַעסטע ערשײַנונגען פון אינלאַנד און אויסלאַנד, ער האָט געוואוסט אײַנצוזאַפּען אין זיך דעם ריטמישען רײַץ פון אַ געדיכט, פלעגט דורכפיהלען די אינטימע שטימונג פון אַ פײַן=געשריבענער נאָוועלע... אָה! מען האָט כמעט געקענט זאָגען, אַז ער איז געווען אַן׳עפּיקורעער.

ער האָט זיך אויסגעלערנט פערשטעהן, אַז אַלעס איז ווערט צו געניסען, און עס איז כמעט נאַריש צו מאַכען אַן׳אונטערשיעד צווישען גליקליכע און אומגליקליכע איבערלעבונגען. ער האָט אויפגענומען מיט פערגניגען אַלע געפיהלען און שטימונגען און האָט זיי אָבגעהיט, די טריבע אַזוי גוט ווי די הײַטערע, אויך די ניט=ערפילטע פערלאַנגען — די בענקשאַפט. ער האָט זי געליעבט צוליעב איהר אַלײן און האָט זיך געזאָגט, אַז מיט דער ערפילונג וועט דאָס בעסטע זיך פעהלען. איז דען דאָס זיסע, שמערצליכע, געוואַגטע בענקען און האָפען פון די שטילע פריהלינגס=אָווענדען ניט רײַכער אין גענוס, ווי אַלע ערפילונגען, וועלכע דער זומער איז אימשטאַנד צו ברענגען? — יאָ, ער איז געווען אַן׳אַפּיקורעער, דער קלײנער הערר פּרידמאַן!

דאָס האָבען נישט אָנגעהויבען צו וויסען די לייט. וועלכע פלעגען איהם בעגריסען אויף דער גאַס מיט יענער פרנות׳דיג פריינדליכער אַרט, צו וועלכער ער איז פון שטענדיג אָן געוועהנט געווען. זיי האָבען נישט געוואוסט, אַז דער יאָזינגער אומגליקליכער קריפּעל, וועלכער פלעגט מיט זיין אויסגעפּוצטער ווילכטיגקייט מאַרשירען דורך די גאַסען אין העלען מאַנטעל און בלאַנקען צילינדער, — ער איז אויף אַ מאָדנעם אופן געווען אַ ביסעל גאוה׳דיג — האָט צערטליך געליעבט דאָס לעבען, וואָס פלעגט איהם זאַנפט פערשווימען, אָהן גרויסע אַפעקטען, אָבער ערפילט פון אַ שטילען און צאַרטען גליק, וואָס ער האָט געוואוסט זיך צו שאַפען.

ד

די הויפּט-נייגונג אָבער פון דעם הערר פרידמאַן, זיין שטאַרקסטע ליידענשאַפט איז געווען דאָס טעאַטער. ער האָט געקענט אונגעוועהנליך טיעף דורכפיהלען דאָס דראַמאַטישע, און ביי אַ שטאַרקער ביהנען-ווירקונג, ביי אַ קאַטאַסטראָפע פון אַ טרויער-שפּיעל, האָט זיין גאַנצער קליינער קערפּער געקענט פערזונקען אין אַ ציטערן. ער האָט געהאַט אויף דעם ערשטען ראַנג פון דעם שטאָדט-טעאַטער זיין בעשטימטען פּלאַץ, וועלכען ער האָט רעגעלמעסיג בעזוכט, אַלע מאָל אין דער בעגלייטונג פון זיינע דריי שוועסטער. זייט דער מוטערס טויט האָבען זיי אַליין געפיהרט די ווירטשאַפט, פאַר זיך און פאַר זייער ברודער, אין דעם אַלטען הויז, וואָס איז זיי אַלעמען געבליבען בירושה.

זיי זענען נאָך אַלץ לײדער געווען נישט פערהייראַט; אָבער זיי זענען שוין לאַנג געווען אין יענע יאָהרען, ווען עס ווערט שוין אויף אייביג בעשטימט, דען פרידעריקע, די עלטסטע, איז געווען מיט זיעבענצעהן יאָהר עלטער פאַר הערר פרידמאַנען. זי און איהר שוועסטער הענריעטע זענען געווען אַ ביסעל צו לאַנג און צו דין, דאַגעגען אָבער פפיפי, די יונגסטע, האָט אויסגעוויזען צו קליין און צו גראָב. די לעצטע האָט נאָך איבעריגענס געהאַט אַ לעכערליכע טבע, צו שאָקלען זיך ביי יעדען וואָרט און דערביי צו בעקומען פייכטיגקייט אין די מויל-ווינקלען.

דער קלײנער הערר פ ר י ד מ אַ ן האָט זיך נישט פיעל געקימערט וועגען די דרײ מײדליך: זײ האָבען זיך אָבער געהאַלטען טרײ צוזאַמען און זענען שטענדיג געװען אײן מײנונג. בעזונדערס װען עס פלעגט זיך מאַכען אַ תּנאים בײ זײערע בעקאַנטע, פלעגען זײ אײנשטימיג בעטאָנען, אַז דאָס פרעהט זײ זעהר.

דער ברודער זײערער האָט בײ זײ נישט אויפגעהערט צו װאוינען אויך דאַן, װען ער האָט פערלאָזט די האָלץ-האַנדלונג פון העררן ש ל י-פ אָ ג ט און איז געװאָרען זעלבסטשטענדיג, איבערנעהמענדיג אַ קלײן געשעפט, אַנ׳אַגענטור אָדער דאָסגלײכען, װאָס האָט צוגענומען נישט זעהר פיעל אַרבײט און צײט. ער האָט געהאַט אַ פּאָר פּאַרטער-צימערן אין דעם הויז, און האָט נאָר צו די מאָהלצײטען געדאַרפט זיך אויפהויבען אויף די טרעפּ אין דער הויך, װײל פון צײט צו צײט פלעגט ער אַ ביסעל לײדען אויף אַסטמאַ.

אין זײן דרײסיגסטען געבורטסטאָג, אין אַ העלען און װאַרעמען יוני-טאָג, איז ער געזעסען נאָך מיטאָג אין דעם גרויען גאָרטענבײדעל מיט אַ נײעם האַלזבאַנד, װאָס העגריעטע האָט איהם אויסגעמאַכט, מיט אַ גוטען ציגאַר אין מויל און אַ גוטען בוך אין דער האַנד. פון צײט צו צײט האָט ער אָבגעװענדט די אויגען פון דעם בוך, זיך צוגעהערט צו דעם פרעהליכען צװיטשערן פון די שפּערלינגען, װעלכע זענען געזעסען אין דעם אַלטען נוססבוים, און האָט געקוקט אויף דעם זױבערן װעג, בעזײהט מיט קלײנע שטײנדליך, װעלכער האָט געפיהרט צום הויז, און אויף דעם בעװאַקסענעם געמויזאַכץ מיט די בונטע בײטען.

דער קלײנער הערר פ ר י ד מ אַ ן האָט נישט געטראָגען קײן באָרד, און זײן געזיכט האָט זיך כמעט גאָרנישט פערענדערט; נישט מעהר די ציגען זענען אַ ביסעל שאַרפער געװאָרען. זײנע פײנע ליכטברױנע האָהר האָט ער געטראָגען גלאַט פערקאַמט אויף אַ זײט.

דאָס בוך איז איהם דערװײל אינגאַנצען אַראָבגעזונקען אויף די קניה און קוקענדיג אַרויף מיט פינטלענדע אויגען אין דעם בלויען זוניגען הימעל, האָט ער צו זיך געזאָגט: „איצט איז מיר געװאָרען דרײסיג יאָהר. אַצינד װעלען פיליײכט קומען נאָך צעהן אָדער אפשר נאָך צװאַנציג, גאָט װײס עס. זײ װעלען פערשװימען שטיל, אָהן גערויש, און װעלען אװעקציהען װי די פערפלאָסענע, און איך ערװאַרט זײ מיט אַ זעלע, פול פרידען.“

VI

אין יולי פון דעמזעלבען יאָהר איז פאָרגעקומען אין דער אדמיניסטראַציע פון דעם בעצירק אַ פּערזאָנען־טויש, וואָס האָט אויפגערודערט די גאַנצע שטאָדט. דער דיקער, פּאַטריאַרכאַלער הערר, וועלכער האָט יאָהרענלאַנג פערנומען דעם דאָזיגען פּאָסט, איז געוועזן זעהר בעליעבט אין די געזעלשאַפטליכע קרייזען, און מען האָט זיך מיט איהם נישט גערן געשיידט. גאָט ווייס, צוליעב וועלכע אומשטאַנדען איז געשעהן דאָס, וואָס הערר פאָן רינגלינגען האָט זיך אַהער אַריבערגעצויגען פון דער הויפּטשטאָדט אַרויס.

דער בייט האָט איבריגענס אויסגעוויזען צו זיין נישט שלעכט, וויל דער נייער אָבערסט־לייטענאַנט וועלכער איז געוועזן בעווייבט אָבער קינדערלאָז, האָט געדונגען אין דער פאָרשטאָדט אויף דרום־זייט אַ זעהר געראַומיגע ווילע, און דערפון האָט מען געדרונגען, אַז ער האָט געדענקט צו מאַכען אַ הויז. יעדענפאַלס האָט מען אין שטאָדט גערעדט, אַז ער איז זעהר רייך, און מען האָט עס בעשטעטיגט דערמיט, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט פיער בעדיענטע, פינף רייט־און וואָגען־פערד, אַ לאַנדאָ און אַ לייכטען יאַגד־וואָגען.

די הערדשאַפטען האָבען באַלד נאָך זייער אָנקומען אָנגעהויבען צו מאַכען בעזוכען ביי די אָנגעזעהענע פאַמיליען, און זייער נאָמען איז געווען ביי אַלעמען אין מויל; דעם הויפּט־אינטערעס אָבער האָט ערוועקט נישט דער הערר פאָן רינגלינגען, נאָר זיין פרוי. די הערען זענען געוועזן פערבליפט און האָבען נאָך דערווייל נישט געהאַט קיין פעסטע מיינונג; די דאַמען אָבער זענען גלייך געוועזן נישט איין מיינונג וועגען גערדאַ פאָן רינגלינגען.

„אַז מען פערזוכט די הויפּטשטאָדטיגע לופט“, האָט פרוי רעכטסאַנוואַלט האַגענשטרעם זיך אויסגערעדט אין אַ געשפּרעך פאַר הענריעטע פרידמאַן, — „נו, איז עס נאַטירליך. זי רויכערט, זי פאָהרט רייטענדיג — מילא, איך בין מוחל! אָבער איהר בענעהמען איז נישט נאָר פריי, עס איז מאַנסבילש, און אפילו דאָס איז נאָך נישט דאָס רעכטע וואָרט, געוויס, זי איז דורכאויס נישט מיאוס, מען קען זי זאָגאַר געפינען פאַר אַ גאַנץ שענע: און דאָך האָט זי נישט דעם מינדעסטען ווייבליכען חן, אין איהר בליק, איהר לאַכען, איהרע בעוועגונגען פעהלט אַלץ וואָס מענער האָבען ליעב. זי איז נישט קאָקעט. און איך

בין, גאָט ווייס עס, די לעצטע, וואָס זאָל זי דערפאַר נישט לויבען; אָבער דאַרף דען אַזאַ יונגע פרוי — זי איז פיעראונצוואַנציג יאָהר אַלט — אינגאַנצען אַוועקמאַכען אונטער דער האַנד... די נאַטירליכסטע חנ'עוודיגע אַנציהונגסקראַפט? ליעבסטע, איך האָב נישט קיין געשליפענע צונג, אָבער איך ווייס וואָס איך מיין. אונזערע הערצען זענען איצט נאָך אינגאַנצען בערוישט און בעטויבט: איהר וועט אָבער זעהן, אַז אין אַ פּאָר וואָכען אַרום וועלען זיי זיך פון איהר אינגאַנצען אָבקעהרען, אָבגענאַרט אין זייער געשמאַק..."

"יאָ", האָט פרײַליין פריִדמאַן געזאָגט, "זי איז זעהר פערזאָרגט".

"היינט איהר מאַן!" האָט פרוי האַגענשטרעם אויסגערופען. "ווי בעהאַנדעלט זי איהם? איהר וואָלט עס געדאַרפט זעהן! איהר וועט דאָס זעהן! איך בין די ערשטע, וואָס איז דערויף מסכים, אַז אַ פערהייראַטע פרוי דאַרף ביז אַ געוויסען גראַד זיין צוריקגעהאַלטען מיט דעם אַנדערען געשלעכט. ווי בענעהמט זי זיך אָבער געגען איהר אייגענעם מאַן? זי האָט אַ טבע איהם אייזקאַלט אָנצוקוקען און מיט אַ מיטליידיגער בעטאָנונג צו זאָגען צו איהם: "ליעבער פריינד", אַז עס רעגט מיך זאָגאָר אויף! דען מען מוז איהם דערביי זעהן — קאָרעקט, אויפריכטיג, ריטערליך, אַ פּערפעקטיג קאָנסערווירטער מאַן אין די פערציגער, אַ גלענצענדער אָפיציר! פיער יאָהר זענען זיי פערהייראַט... ליעבסטע..."

VII

דער אָרט, וואו דעם קליינעם הערר פריִדמאַנען איז אויסגעקומען צום ערשטען מאָל צו זעהן פרוי פאָן רינלינגען, איז געוועזען די הויפּט־גאַס, אין וועלכער עס האָבען זיך געפונען כמעט אויסשליסליך געשעפטסהייזער, און די דאָזיגע בעגעגעניש איז געשעהן אַרום מיטאָגסצייט, ווען ער איז געגאַנגען פון דער בערזע, וואו ער האָט אויך פערוואָרפען אַ פּאָר ווערטער אין אַלגעמיינעם שמועס אַריין.

ער האָט שפּאַצירט, וויכטיג און וויכטיג, נעבען דעם גרויסקויפמאַן שטעפענס, אַן'אונגעוועהנליך גרויסען, פעסט־געפּאַקטען הערר

מיט קיילעליג־געשניטענע באַקענבאַרדען און שרעקליך דיקע אויגען־ברעמען. ביידע האָבען געטראָגען צילינדערס און האָבען פאַר גרויס הייץ אויפגעשפיליעט די מאַנטלען. זיי האָבען געשמועסט וועגען פּאָליטיק, קלאַפענדיג צום טאַקט מיט זייערע שפּאַצירשטעקליך איבער'ן טראָטואַר; ווען זיי זענען אָבער צוגעקומען באַלד צו דער מיטען גאַס, האָט דער גרויסקויפמאַן ש ט ע פ ע נ ס פּלוצלונג אַ זאָג געטהון:

„מיין נאָמען איז ניט ש ט ע פ ע נ ס, אויב פון דאָרט קומט נישט אָן פאַרבייצופאָהרען פרוי ר י נ ל י נ ג ע ן".

„נון, דאָס טרעפט זיך גוט", האָט הערר פ ר י ד מ אַ ן געזאָגט מיט זיין הויכער און עטוואָס שאַרפער שטים און האָט פול ערוואַרטונג אַ קוק געגעבען גלייך פאַר זיך. „דען איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט די געלעגענהייט אָנצוקוקען זי. דאָ האָבען מיר דעם געלען וואָגען".

און ווירקליך איז דאָס געוועזען דער געלער יאַגד־וואָגען, וועלכען פרוי ר י נ ל י נ ג ע ן האָט היינט בענוצט; זי האָט אַליין געלענקט די ביידע שלאַנקע פערד, און דער דיענער איז מיט פערלעגטע הענד געזעסען הינטער איהר. זי האָט געטראָגען אַ ברייטע, גאַנץ העלע יאַקע, און אויך דער ראָק איז געוועזען העל. פון אונטער דעם קליינעם קיילעכדיגען שטרויה־הוט מיט ברוינעם לעדערבאַנד האָבען זיך אַרויסגעזעהן די רויט־בלאָנדע האָהר, וועלכע זענען געוועזען פריזירט איבער די אויערן און זענען געפאַלען אויפ'ן נאַקען אין אַ דיקען קנויל. די הויטפאַרב פון איהר לענגליך געזיכט איז געוועזען מאַטווייס און אין די ווינקלען פון איהרע ברוינע אויגען, וועלכע זענען געלעגען אונגעוועהנליך נאָהנט איינס פונ'ם אַנדערן, האָבען גערוהט בלויליכע שאָטענס, איבער איהר קורצער, אָבער פיין געשניטענער נאָז איז געזעסען אַ ביסעל זומער־שפּרענקליך, וואָס האָבען איהר גוט געפאַסט; צי איז אָבער איהר מויל שען געווען, האָט מען נישט געקענט דערקענען, ווייל זי האָט אָהן אַנ'אויפהער בעוועגט די אונטערשטע ליפּ הין און צוריק און האָט זי געריבען אָן דער אויבערשטער ליפּ.

גרויסקויפמאַן ש ט ע פ ע נ ס האָט זי בעגריסט מיט אונגעוועהנליכען רעספּעקט, ווען דער וואָגען איז אָנגעקומען פאַרביי, און אויך דער קליינער הערר פ ר י ד מ אַ ן האָט אַראָבגענומען זיין הוט, בעגריסענדיג פרוי פאַן ר י נ ל י נ ג ע ן און זי אויפמערקזאַם בעטראַכטענדיג. זי האָט אַראָבגעלאָזט דעם בייטש איהרען, האָט אַ לייכטען שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ און איז לאַנגזאַם פאַרבייגעפאָהרען, בעטראַכטענדיג די הייזער און

די שויפענסטער אויף רעכטס און אויף לינקס.

נאך א פאר טריט האט דער גרויסקויפמאן געזאגט:

„זי האט געמאכט א שפאציר־פאהר און פאהרט איצט אהיים“.

דער קליינער הערר פרידמאן האט נישט געענטפערט, נאר האט אראבגעלאזט די אויגען צו דער ערד. דערנאך האט ער פלוצלונג א קוק געגעבען אויף דעם גרויסקויפמאן און האט געפרעגט:

„וואס האבען זיי געזאגט?“

און הערר שטעפענס האט איבערגע׳חזר׳ט זיין שארפזיניגע בעמערקונג.

VIII

מיט דריי טעג שפעטער, צוועלף א זייגער בייטאג, איז יאהאנעס פרידמאן געקומען אהיים פון זיין רעגעלמעסיגען שפאציר־גאנג. האלב איינס א זייגער פלעגט מען עסען מיטאג, און ער האט שוין געוואלט געהן אויף א האלבע שעה אין זיין „ביורא“, וואס האט זיך געפונען רעכטס נעבען דער הויז־טהיר, ווען דאס דיענסט־מיידעל איז צו איהם צוגעגאנגען און געזאגט:

„עס זענען דא געסט, הערר פרידמאן“.

„ביי מיר?“ האט ער געפרעגט.

„ניין, אויבען, ביי די דאמען“.

„ווער דען?“

„הערר און פרוי אבערסטלייטענאנט פאן רינגלינגען“.

„אה“, האט הערר פרידמאן געזאגט, „אויב אזוי וועל איך דאך...“

און ער האט זיך אויפגעהויבען אויף די טרעפ ארויף. אויבען איז ער דורך דעם פארפלאץ, און האט זיך שוין געהאט אנגענומען פאר דאס הענדטעל פון דער הויכער ווייסער טהיר, וועלכע האט געפיהרט צום „לאנדשאפטסצימער“, נאר פלוצלונג איז ער שטעהן געבליבען, האט געמאכט א טריט צוריק, האט זיך אומגעדרעהט און איז לאנגזאם אוועק פון דארט, אזוי ווי ער איז געקומען. און חאטש ער איז געוועזען גאנץ אליין, דאך האט ער הויך אויפ׳ן קול א זאג געטהון פאר זיך:

„ניין, בעסער נישט. —"

ער איז אַראָב אונטען אין זיין „ביוראָ", זיך געזעצט בײם שרייב־טיש און גענומען די צייטונג אין האַנד, אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט ער זי ווידער געלאָזט אַראָבפאַלען און האָט אָנגעהויבען צו קוקען אין פענסטער אַריין. אַזוי איז ער געבליבען זיצען, ביז דאָס מײדעל איז גע־קומען און האָט געמאָלדען, אַז דער מיטאָג איז גרייט; דאַן איז ער אַרויף אין עס־צימער, וואו די שוועסטער האָבען שוין געוואַרט אויף איהם, און האָט זיך נעזעצט אויף זיין שטוהל, אויף וועלכען ס'זענען געלעגען דריי נאָטען־ביכער.

הענריעטע, וועלכע האָט אָנגעגאָסען זופּ, האָט געזאָגט:

„ווייסטו, יאָהאַנעס, ווער דאָ איז געווען?"

„ווער?" האָט ער געפרעגט.

„די נייע אָבערלייטענאַנטען".

„ווירקליך? דאָס איז זעהר פיין פון זייער זייט".

„יאָ", האָט פפיפי געזאָגט און האָט בעקומען פליסיגקייט אין די מויל־ווינקלען, „איך געפין, אַז ביידע זענען זעהר אַנגענעהמע מענשען".

„יעדענפאַלס", האָט פרידעריקע געזאָגט, „דאַרפען מיר זיך נישט לאָזען בעטען מיט אונזער געגענבעזוך. איך לעג פאָר, מיר זאָלען אי־בערמאָרגען געהן, זונטאָג".

„זונטאָג", האָבען געזאָגט הענריעטע און פפיפי.

„דו וועסט דאָך מיט אונז געהן, יאָהאַנעס?" האָט פרידעריקע געפרעגט.

„פערשטעהט זיך!" האָט פפיפי געזאָגט און זיך גענומען שאָקלען. הערר פרידמאַן האָט די פראַגע גאָר אינגאַנצען פערהערט און האָט מיט אַ שטילער און אַנגסטליכער מינע געגעסען זיין זופּ. עס איז אויס־געקומען, גלייך ווי ער האָט זיך צו ערגעץ צוגעהאָרכט, צו עפּעס אַנ־אונהיימליכען גערויש.

IX

אויף מאָרגען אין אָווענד האָט מען אין שטאָדט־טעאַטער געגעבען די אָפּערע „לאָהענגרין", און אַלע געבילדעטע לייט זענען געווען אין

טעאַטער. דער קלײנער רוים איז געװען בעזעצט פון אויבען ביז אונטען און אָנגעפּילט מיט אַ זומענדען געריויש, מיט אַ גאַז-געריוך און פּאַרפומען. אָבער אַלע אויגענגלעזער, אין פּאַרקעט װי אויף די ראַנגען, זענען געװען אָנגעשטעלט אויף לאָזשע 13, גלײך רעכטס, נעבען דער ביהנע, װײל הײנט האָבען זיך דאָרט צום ערשטען מאָל בעװיזען הערר פאָן רינלינגען מיט דער פרוי, און מען האָט געהאַט די געלעגענהײט דאָס פּאָר-פאָלק גרינדליך צו בעטראַכטען.

װען דער קלײנער הערר פרידמאַן, אין אַ גרויסאַרטיגען שװאַרצען אַנצוג מיט בלאַנקענד װײסען געשפּיצטען העמד-אײנזאַץ, איז אַרײן אין זײן לאָזשע — לאָזשע 13 — האָט ער זיך אַ חאַפּ געטהון צו דער טהיר צוריק, מאַכענדיג דערבײ אַ בעװעגונג מיט דער האַנד צום שטערן, און זײנע נאָזלעכער האָבען זיך אין אײן אויגענבליק קראַמפּפהאַפט געעפענט. באַלד אָבער האָט ער זיך אַראָבגעלאָזט אויף זײן שטוהל, בײ דער לינקער האַנד פון פרוי רינלינגען.

זי האָט איהם אַ װײלע אויפמערקזאַם אָנגעקוקט, בעת ער האָט זיך געזעצט, אַרויסרוקענדיג די אונטערשטע ליפּ, און האָט זיך דאַן אומגעװענדט צו איהר מאַן, װעלכער איז געשטאַנען הינטער איהר, אויסבערצוחאַפּען מיט איהם אַ פּאָר װערטער. דאָס איז געװען אַ גרויסער, ברײטער הערר מיט אַרויפגעקאַמטע װאָנסען און אַ ברוינעם, גוטמוטיגען געזיכט.

אַז די אובערטירע האָט זיך אָנגעהויבען און פרוי פאָן רינלינגען האָט זיך אַריבערגעבויגען איבער דעם אָנלעהן, האָט הערר פרידמאַן געלאָזט פאַלען אויף איהר אַ געשװינדען האַסטיגען זײטענבליק. זי האָט געטראָגען אַ העלען געזעלשאַפטס-טואַלעט און איז זאָגאַר געװען אַ ביסעל דעקאָלטירט, אַנ׳אויסנאַהם פון אַלע בײגעװעזענע דאַמען. איהרע אַרבעל זענען געװען זעהר ברײט און אויפגעבלאָזען, און די װײסע האַנדשעך האָבען געגרײכט ביז צו די אײלענבויגען. איהר געשטאַלט איז הײנט געװען עפּעס אַזוי װי פערשײט, װאָס אַנומעלט, װען זי האָט געטראָגען די װײסע יאַקע, איז עס געװען נישט צו בעמערקען; איהר בוזים האָט זיך געהויבען און געזונקען פול און לאַנגזאַם, און דער קנויל רויט-בלאָנדע האָהר איז טיעף און שװער געפאַלען אין דעם נאַקען.

הערר פרידמאַן איז געװען בלײך, פיעל בלײכער װי געװעהנליך, און אונטער די גלאַט-געשניטענע ברוינע האָהר זענען געשטאַנען קלײנע טראָפּען אויף זײן שטערן. פרוי פאָן רינלינגען האָט אַראָבגע-

צויגען דעם האַנדשוה פון איהר לינקער האַנד, וועלכע איז געלעגען אויף דעם רויטען סאַמעט פון דעם אָנלעהן, און די דאָזיגע רונדע מאַטווייַסע האַנד, וועלכע איז געווען דורכגעצויגען פון גאַנץ בלאַס-בלויע אָדערן, האָט ער די גאַנצע צייַט געזעהן; דאָס איז געווען נישט צו ענדערן.

די פידלען האָבען געזונגען, די טרומייטען האָבען געשאַלט, טעלראַמונד איז געפאַלען, אין דעם אָרקעסטער האָט געהערשט אַן אַלגעמיינע שמחה, און דער קליינער הערר פרידמאַן איז געזעסען אונבעוועגליך, בלאַס און שטיל, דעם קאָפּ טיעף צווישען די אַקסלען, אַ טייטפינגער ביים מויל און די אַנדערע האַנד אין דעם אויפשלאַג פון זיין ראָק.

אַז דער פאָרהאַנג איז געפאַלען, האָט זיך פרוי פאָן רינלינגען אויפגעהויבען, כדי צו פערלאָזען די לאָזשע צוזאַמען מיט איהר מאַן. הערר פרידמאַן האָט עס געזעהן, נישט קוקענדיג אַהינצו, האָט אַ לייַכטען פיהר געטהון מיט זיין טאַשענטוך איבערן שטערן, איז פלוצלונג אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען ביז צו דער טהיר, וועלכע האָט געפיהרט צום קאָרידאָר, האָט זיך ווידער אומגעקעהרט, זיך געזעצט אויף זיין פלאַץ און איז אַזוי געבליבען זיצען אונבעוועגליך אין דערזעלבער פּאָזע, אין וועלכער ער איז פריהער געזעסען.

ווען עס האָט זיך געלאָזט הערען דאָס גלעקעל און זיינע שכנים זענען ווידער אַריינגעקומען, האָט ער דערפיהלט, אַז פרוי פאָן רינלינגענס אויגען האָבען אויף איהם גערוהט, און ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ צו איהר, כאָטש ער האָט עס נישט געוואָלט טהון. אַז זייערע בליקען האָבען זיך געטראָפען, האָט זי אפילו נישט געפּרובט אָבצווענדען איהר בליק אויף אַ זייט, און האָט איהם אַלץ נישט אויפגעהערט אויפמערקזאַם צו בעטראַכטען, אָהן אַ שפור פון פערלעגענהייט, ביז וואַנען ער האָט אַליין, בעצוואונגען און אַראָבגעפאַלען, אַראָבגעלאָזט די אויגען צו דער ערד. ער איז דערביי געוואָרען נאָך בלייַכער, און אַ זעלטזאַמער, זיסליך אויפהעצענדער צאָרן האָט זיך אין איהם אויפגעהויבען... די מוזיק האָט זיך אָנגעהויבען.

ביים ענדע פון דעם דאָזיגען אַקט איז אויסגעקומען, אַז ביי פרוי פאָן רינלינגען האָט זיך דער פאָכער אַרויסגעגליטשט פון די הענד און ער איז אַראָבגעפאַלען אויף דער ערד נעבען הערר פרידמאַנען. ביידע האָבען זיך גלייַכצייטיג אייַנגעבויגען, אָבער זי האָט איהם אַליין אָנגעהאַפּט און האָט געזאָגט מיט אַ שמייכעל, וועלכער איז שפּאָטיש

געװען:
„איך דאַנק“.

זײערע קעפּ זענען געװען גאַנץ נאָהנט אײנער פונ׳ם אַנדערן, און ער האָט אײן אויגענבליק געמוזט אָטעמען דעם װאַרימען דופט פון איהר ברוסט. זײן געזיכט איז געװען צוקרימט, זײן גאַנצער קערפּער האָט זיך צוזאַמענגעצויגען, און זײן האַרץ האָט געקלאַפּט אַזוי מאוס שװער און שרעקליך, אַז עס איז איהם דער אָטעם פערגאַנגען. ער איז געזעסען נאָך אַ האַלבע מינוט, דערנאָך האָט ער אַ שטופּ געטהון דעם שטוהל צוריק, איז שטיל אויפגעשטאַנען און איז שטיל אַרויסגעגאַנגען.

X

ער איז געגאַנגען, בעגלײט פון די קלאַנגען פון דער מוזיק, איבערן קאָרידאָר, האָט זיך געהײסען געבען אין דער גאַרדעראָב זײן העלען מאַנטעל און זײן שטאָק און גענומען שטײגען פון די טרעפּ אַראָב אויפ׳ן גאַס אַרויס.

עס איז געװען אַ װאַרימער, שטילער אָװענד. אין דעם ליכט פון די גאַז־לאַמטערנס זענען די גרויסע הײזער געשטאַנען שװײַגענדיג געגען דעם הימעל, װאו עס האָבען העל און מילד די שטערן געגלאַנצט. די טריט פון די װעניגע מענשען, װעלכע האָבען בעגעגענט הערר פּ ר י ד מ אַ נ ע ן, האָבען אָבגעקלונגען אויפ׳ן טראָטואַר. עמיצער האָט איהם בעגריסט, אָבער ער האָט עס נישט געזעהן; ער האָט געהאַלטען דעם קאָפּ טיעף געזונקען, און זײן הויכע שפּיציגע ברוסט האָט געציטערט, אַזוי שװער האָט ער געאָטעמט. אַלע װײַלע פלעגט ער זאָגען שטיל פאַר זיך:

„מײן גאָט! מײן גאָט!“

ער האָט אין זיך אַרײַנגעקוקט מיט אַ שרעקליכען און אַנגסט־פולען בליק און געזעהן, װי זײן פיהלען װאָס ער האָט אַזוי זאַנפט אָבגעהיט, אַזוי מילד און קלוג שטענדיג בעהאַנדעלט, האָט זיך איצט אַרויסגעריסען אַרויס, אויפגעשטורמט װי אַ װיכער, אויפגעברויזט אין אַ װילדען טאַנץ . . . און פלוצלונג, איינגאַנצען אַ בעהערשטער, האָט ער זיך אָנגעלעהנט אָן אַ לאַמטערן־סלופּ אין אַ צושטאַנד פון שװינ־

דעל, בעטרונקענהייט, בײַנקשאַפט און צער, און האָט ציטערנד געפליסטערט:

— „גערדאַ!" —

אַלץ איז געווען שטיל. ווייט און ברייט איז אין דעם דאָזיגען אויגענבליק נישט געווען צו זעהן קיין מענש: דער קליינער הערר פ ר י ד מ אַ ן האָט זיך אויפגעחאַפּט און איז אַוועק ווייטער. ער איז דורכגעגאַנגען די גאַס, וואו ס'האָט זיך געפונען דאָס טעאַטער און וועלכע האָט זיך אַראָבגעלאָזט צום טייך באַרג־אַראָב, און האָט זיך פערנומען אין דער הויפּטגאַס אַריין, נאָך צפון־זייט, צו זיין וואוינונג צו...

ווי זי האָט עס איהם אָנגעקוקט! ווי? זי האָט איהם געצוואונגען די אויגען אַראָבצולאָזען? זי האָט איהם מיט איהר בליק אַראָבגעוואָרפען? איז זי דען נישט זיין פרוי און ער קיין מאַן? און האָבען דען איהרע זעלטזאַמע ברוינע אויגען דערביי נישט געציטערט פאַר פרייד?

ער האָט געפיהלט, ווי אין איהם הויבט זיך ווידער אויף דער דאָזיגער אָהנמעכטיגער, תאוה'שער האַס, אָבער גלייך האָט ער זיך דערמאָהנט זיין יענעם אויגענבליק, ווען איהר קאָפּ האָט זיינעם בעריהרט, ווען ער האָט איינגעאָטעמט דעם דופט פון איהר קערפּער, און ער איז צום צווייטען מאָל שטעהן געבליבען, האָט זיך אַ בויגעטאָן מיט דעם פערוואַקסענעם אויבערשטען טייל קערפּער אויף צוריק, האָט אַריינגעצויגען די לופט דורך די צייהן און האָט גענומען ווידער מורמלען אינגאַנצען פערלאָרען, פערצווייפעלט, אויסער זיך:

מיין גאָט! מיין גאָט!

און ווידער איז ער מעכאַניש און לאַנגזאַם אַוועק ווייטער, דורך די פערשטיקטע אָווענדלופט. דורך די מענשען־לעערע גאַסען, וואו עס האָבען בלויז זיינע טריט אָבגעקלונגען, ביז ער איז צוגעקומען צו זיין וואוינונג. ער איז אויף איין אויגענבליק שטעהן געבליבען און האָט אַריינגעצויגען דעם קיהלען, קעלערדיגען גערוך, וואָס האָט דאָ געהערשט; דערנאָך איז ער אַריין אין זיין „ביוראָ".

ער האָט זיך געזעצט צום שרייבטיש בײַם אָפענעם פענסטער און האָט געקוקט מיט שטאַרע אויגען גלייך פאַר זיך אויף אַ גרויסע, געלע ראָזע, וואָס עמיצער האָט איהם דאָרט אין דאָס וואַסערגלאָז אַריינגעשטעלט. ער האָט זי גענומען און האָט מיט געשלאָסענע אוי=

נען געטעמט איהר דופט; אָבער באלד האט ער זי אַוועקגערוקט און א זייט מיט אַ מידער און טרויעריגער בעוועגונג. ניין, ניין, דאָס איז געוועזען די ענדע! וואָס איז פאַר איהם אַזאַ דופט? וואָס איז פאַר איהם אַלץ, וואָס האָט ביז איצט געשאַפען זיין „גליק"?...

ער האָט זיך איבערגעדרעהט אויף אַ זייט און האָט אַרויסגעקוקט אויף די שטילע גאַס אַרויס. פון צייט צו צייט האָבען אויפגעהילכט טריט און פלעגען אָבקלינגען אין דער ווייט. די שטערן זענען געשטאַנען אין הימעל און האָבען געפינקעלט. ווי טויט־מיד און שוואַך ער איז געוואָרען! זיין קאָפּ איז געווען אַזוי פוסט, און זיין פערצווייפלונג האָט אָנגעהויבען אַריבערצוגעהן אין אַ גרויסע זאַנפטע וועהמוטיגקייט. אַ פּאָר שורות פון אַ געדיכט האָבען איהם געפלאַטערט אין מח, די לאָהענגרין־מוזיק האָט איהם ווידער געקלונגען אין די אויערען, ער האָט געזעהן נאָך אַמאָל פרוי פאָן רינלינגענס געשטאַלט פאַר זיך, איהר ווייסע האַנד אויף דעם רויטען סאַמעט, און דאַן איז ער אַריינגעפאַלען אין אַ שווערען פיבערדומפּפען שלאָף.

XI

אָפט פלעגט ער שיער נישט ערוואַכען, ער האָט אָבער מורא געהאַט דערפאַר און פלעגט איטליכס מאָל אויף דאָס ניי פערזינקען אין בעוואוסטלאָזיגקייט. ווען עס איז שוין אָבער העלער טאָג געוואָרען, האָט ער געעפענט די אויגען און זיך אַרומגעקוקט מיט אַ גרויסען, שמערצליכען בליק. אַלעס איז איהם געשטאַנען קלאָר פאַר זיין זעעלע; גלייך ווי זיין ליידען איז דורך דעם שלאָף גאָרנישט אונטערגעבראָכען געוואָרען.

זיין קאָפּ איז געווען טעמפּ און די אויגען האָבען איהם געברענט; אַז ער האָט זיך אָבער איינגעוואַשען און האָט בענעצט דעם שטערן מיט אָדעקאָלאָן, האָט ער זיך דערפיהלט בעסער און האָט זיך ווידער שטיל אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט ביים פענסטער, וואָס איז געבליבען אַ גאַנצע נאַכט אָפען. עס איז נאָך געווען גאַנץ פריה בעגינען, אַ זייגער פינף. פון צייט צו צייט פלעגט פאַרבייגעהן אַ בעקערייונגעל, מעהר איז קיינעם נישט געווען צו זעהן. געגענאיבער

זענען נאָך אַלע שטאַרען געווען אַראָבגעלאָזט. אָבער די פֿייגעל האָבען געצוויטשערט און דער הימעל איז געווען לייכטענד בלוי. עס איז געווען אַ וואונדער שענער זאָנטאָגדיגער פריהמאָרגען.

אַ געפיהל פון היימליכקייט און פערטרויען האָט דורכגענומען דעם קליינעם הערר פ ר י ד מ אַ נ ע ן. פאַרוואָס האָט ער געליטען? איז דען נישט אַלץ געוועזען ווי אַלעמאָל? צוגעגעבען, אַז עס איז נעכטען געוועזען אַ שלימער אָנפאַל, איצט אָבער זאָל עס דערמיט אַ סוף נעהמען! עס איז נאָך נישט געווען צו שפּעט, ער קען נאָך אַנטרינען פון דעם אונטערגאַנג! ער מוז אויסמיידען יעדע זאַך, וואָס קען דעם אָנפאַל בעניייען; ער האָט געפיהלט די קראַפט דערצו. ער האָט געפיהלט די קראַפט עס בייצוקומען און אינגאַנצען אין זיך עס פערשטיקען...

אַז דער זייגער האָט געשלאָגען האַלב אַכט, איז אַריינגעקומען פרידעריקאַ און האָט אַוועקגעשטעלט די קאַווע אויף דעם קיילעכדיגען טיש, וואָס איז געשטאַנען פאַר דער לעדער=סאָפע ביי דער הינטער וואַנד.

„גוט מאָרגען, יאָהאַנעס,“ האָט זי געזאָגט, „אָט האָסטו דיין פריהשטיק.“

„אַ דאַנק,“ האָט הערר פ ר י ד מ אַ ן געזאָגט. און אַ ווײַלע שפּעטער: ליעבע פרעדעריקע, עס טוט מיר לייד, וואָס איהר וועט אַליין מוזען מאַכען דעם בעזוך. איך פיהל מיך נישט גענוג גוט, איך זאָל אייך קענען בעגלייטען. איך האָב שלעכט געשלאָפען, האָב אַ קאָפּוועהטאָג, און קורץ און גוט, איך מוז אייך בעטען...

פרידעריקע האָט געענטפערט:

„דאָס איז אַ שאָד. דו דאַרפסט דעם בעזוך פאַר קיין פאַל נישט פערבויגען. אָבער ס'איז וואָהר, אַז דו זעהסט אויס קראַנק. ברייגגען דיר מיין מיגרען=שטיפט?“

„אַ דאַנק“ האָט הערר פ ר י ד מ אַ ן געזאָגט. „עס וועט אַריבערגעהן.“ און פרידעריקע איז אַוועק.

ער האָט לאַנגזאַם געטרונקען די קאַווע, שטעהענדיג ביים טיש, און האָט צוגעביסען אַ זעמעל דערצו. ער איז געווען צופרידען מיט זיך און שטאָלץ מיט זיין ענטשלאָסענהייט. אַז ער איז פאַרטיג געוואָרען, האָט ער גענומען אַ ציגאַר און זיך ווידער געזעצט ביים פענסטער. דאָס פריהשטיק האָט אויף איהם וואויל געווירקט, און ער

האט זיך געפיהלט גליקליך און פול האפנונג. ער האט גענומען א בוך, האט געלעזען, געריוכערט און געקוקט מיט פינטלענדע אויגען אויף דער זון ארויס.

עס איז איצט לעבעדיג געווארען אויף דער גאס; וואגען־קלאפעריי, געשפרעך און דאס קלינגען פון דער פערד־באהן האבען צו איהם געגרייכט; צווישען אלעם איז אבער געווען צו פערנעהמען דאס צוויטשערן פון די פייגעל, און פון דעם שטראהלענד בלויען הימעל האט געוועהט א ווייכע ווארימע לופט.

צעהן א זייגער האט ער דערהערט די שוועסטערס ארויסגעהן אין פארהויז, דערהערט דעם סקריפ פון דער טהיר און באלד האט ער געזעהן די דריי דאמען פארבייגעהן ביים פענסטער, נישט אומקוקענדיג זיך דערויף מיט בעזונדערער אויפמערקזאמקייט. ס'איז אריבער א שעה; ער האט זיך געפיהלט גליקליכער און גליקליכער.

עפעס א מין איבערמוט האט איהם אנגעהויבען צו בעהערשען. וואס פאר א לופט עס איז געווען, און ווי די פייגעל האבען עס געצוויטשערט! וואס וואלט עס זיין, ווען ער זאל א ביסעל שפאצירען געהן? —

און דא, פלוצלונג, אהן א נעבען־געדאנק, האט זיך אין איהם אויפגעהויבען מיט א זיסען שרעק דער געדאנק: ווען איך זאל געהן צו איהר? — און אונטערדריקענדיג אין זיך מיט אנ'אמת'ער מוסקול־אנשטרענגונג אלעס, וואס האט איהם אנגסטפול געווארנט, האט ער מיט א גליקזעליגער ענטשלאסענהייט צוגעגעבען: איך וויל צו איהר געהן!

און ער האט אנגעצויגען זיין שווארצען זונטאגדיגען אנצוג, האט גענומען דעם צילינדער און דעם שטאק און האט זיך געלאזט געהן דורך די גאנצע שטאדט, שנעל און האסטיג אטעמענדיג, אין דער פארשטאדט וואס אויף דרום־זייט. נישט זעהענדיג קיין איין מענשען, האט ער ביי יעדען טריט מאדנע פלייסיג געהויבען און אראבגעלאזט דעם קאפ. אינגאנצען בעפאנגען פון א פעררוקטען עקזאלטירטען צושטאנד, ביז ער איז געבליבען שטעהן אין דער קאשטאנען־אלעע דרויסען פון דער רויטער ווילע, וואו ביים אריינגאנג האט מען געקענט איבערלייענען דעם נאמען „אבערסטלייטענאנט פאן רינלינגען“.

דער קלײנער הערר פרידמאַן.

XII

דאָ איז איהם בעפאַלען אַ ציטערן, און דאָס הארץ האָט זיך איהם קראַמפּפהאַפט און שווער געוואָרפען אין ברוסט. אָבער ער איז אַרײַן אין פאָרהויז און האָט דרינען אָנגעקלונגען. איצט איז עס געווען פעסט בעשלאָסען, און עס איז אונמעגליך געווען זיך צוריקצוקעהרען. זאָל אַלעס געהן מיט זײַן גאַנג, האָט ער אַ טראַכט געטהון. אין איהם איז פלוצלונג געוואָרען טויט-שטיל.

די טהיר האָט זיך אויפגעפראַלט. דער דינער איז איהם אַרויס איבערן פאָרפלאַץ אַנטקעגען, האָט גענומען זײַן וויזיט-קאַרטע און האָט דערמיט אַוועקגעאײַלט אַרויף אויף די טרעפ, אויף וועלכע ס'איז געלעגען אַ רויטער טרעטער. הערר פרידמאַן האָט מיט שטאַרע בליקען געקוקט אויף דעם דאָזיגען טרעטער, ביז דער דינער איז צוריקגעקומען און ערקלערט, אַז די גנעדיגע פרוי לאָזט בעטען אַרויפצוגעהן אויבען.

אויבען נעבען דער סאַלאָן-טהיר, וואו ער האָט אַוועקגעשטעלט זײַן שטאָק, האָט ער געוואָרפען אַ בליק אין דעם שפּיגעל. זײַן געזיכט איז געווען בלײַך, און איבער די רויטליכע אויגען הא[illegible] זיך די האָהר געקלעפּט צו דעם שטערן. די האַנד, אין וועלכער ער האָט געהאַלטען דעם צילינדער, האָט אונאויפהאַלטזאַם געציטערט.

דער דינער האָט געעפענט, און ער איז אַרײַן. ער האָט זיך דערזעהן אין אַ גאַנץ גרויסען, האַלב-דונקעלן צימער; די פענסטער זענען געווען פערהאַנגען. רעכטס איז געשטאַנען אַ ראָיאַל, און אין מיטען אַרום דעם קײַלעכדיגען טיש זענען געווען אויסגעשטעלט שטוהלען אין ברוינעם זײַד. איבער'ן סאָפע בײַ דער לינקער זײַטענוואַנד איז געהאַנגען

אַ לאַנדשאַפט אין אַ שווערער גאָלדענער ראַהם, אויך די טאַפּעטען [illegible]
נען געווען דונקעל. הינטען אויפ׳ן באַלקאָן זענען געשטאַנען באַלמען.

ס׳איז אריבער אַ מינוט, ביז פרוי פאָן רינליגנגען האָט פונאַנ=
דערגערוקט די פּאָרטיערע רעכטס און איז איהם געקומען אנטקעגען אויף
דעם דיקען ברוינעם טעפּיך, וואָס האָט איינגאַנצען פערשלונגען די קלאַנ=
גען פון איהרע טריט. [illegible] האָט געטראָגען אַ גאַנץ איינפאַך געאַרבייטעס,
רויט און שוואַרץ געשפּרענקעלטעס קלייד. פון באַלקאָן איז אַהער געפאַ=
לען אַ ליכט=זייל, אין וועלכער דער שטויב האָט געטאַנצט, פונקט גלייך
אויף איהרע שווערע, רויטע האָהר, אַזוי, אַז זיי האָבען אויף איין אוי=
גענבליק אויפגעלייכט מיט גאָלד. זי האָט אויף איהם געהאַלטען איהרע
זעלטזאַמע אויגען פאָרשענד אָנגעשטעלט און האָט ווי געוועהנליך ארויס=
געדוקט די אונטערשטע ליפּ.

„גנעדיגע פרוי“, האָט הערר פרידמאַן אָנגעהויבען און געקוקט
צו איהר אין דער הויך, ווייל ער האָט איהר געגרייכט נאָר ביז צו דער
ברוסט, „איך וואָלט וועלען פון מיין זייט זיי מאַכען אַ בעזוך. איך בין
ליידער נישט געווען צו הויז, ווען זיי האָבען בעעהרט מיינע שוועסטער
און... האָב דאָס אויפריכטיג בעדויערט...“

ער האָט דורכאויס נישט געוואוסט מעהר וואָס צו זאָגען, אָבער
זי איז געשטאַנען און האָט איהם אָהן רחמנות אָנגעקוקט, גלייך ווי זי
האָט געוואָלט איהם צווינגען ווייטער צו רעדען. דאָס גאַנצע בלוט האָט
איהם פּלוצלונג אַ זעץ געטהון אין קאָפּ. זי וויל מיך מוטשען און אויס=
לאַכען! האָט ער אַ טראַכט געטהון, און זי נעהמט מיך דורך מיט
איהרע בליקען! ווי איהרע אויגען ציטערן!... ענדליך האָט זי געזאָגט
מיט אַ גאַנץ העלער און גאַנץ קלאָרער שטים:

„עס איז זעהר העפליך, וואָס זיי זענען געקומען. איך האָב אויך
נישט לאַנג בעדויערט, וואָס זיי זענען נישטאָ. וועלען זיי זיין פריינדליך
אַזוי גוט פּלאַץ צו נעהמען?“

זי האָט זיך געזעצט נאָהנט צו איהם, האָט אַוועקגעלעגט די
הענד אויף די זייטען=אָנלעהנס פון דעם שטוהל און האָט זיך אָנגעלעהנט
אויף צוריק. ער איז געזעסען פאָראויסגעבויגען און האָט געהאַלטען
דעם הוט צווישען די קניה. זי האָט געזאָגט:

„איהר ווייסט, אַז מיט אַ פערטעל שעה צוריק זענען דאָ געווען
אייערע גנעדיגע שוועסטער? זיי האָבען מיר געזאָגט, אַז איהר זענט
קראַנק?“

„דאָס איז וואָהר", האָט הערר פ ר י ד מ אַ ן געענטפערט, „איך האָב מיך געפיהלט נישט גוט היינט אין דער פריה. איך האָב נישט גערעכענט, אַז איך וועל קענען אַרויסגעהן. איך בעט אייך ענטשולדיגען פאַר מיין פערשפּעטיגונג".

„איהר זעהט נאָך איצט אויך נישט געזונד אויס", האָט זי גאַנץ רוהיג געזאָגט און האָט אויף איהם פער׳עקשנ׳ט געקוקט. „איהר זענט בלייך און אייערע אויגען זענען צוהיצט. אייער געזונדהייט לאָזט איבערהויפּט צו ווינשען בעסערס?"

„אָה..." האָט הערר פ ר י ד מ אַ ן אַרויסגעשטאַמעלט, „איך בין אין אַלגעמיין צופריעדען..."

„אויך איך בין פיעל קראַנק", האָט זי פאָרטגעזעצט, נישט אַראָבנעהמענדיג פון איהם די אויגען; „אָבער קיינער מערקט עס נישט. איך בין נערוועז און די מערקווירדיגסטע צושטאַנדען זענען מיר בעקאַנט".

זי איז אַנטשוויגען געוואָרען, האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ אויף די ברוסט און האָט אויף איהם אין ערוואַרטונג געקוקט פון אונטען אַרויף. אָבער ער האָט נישט געענטפערט. ער איז שטיל געזעסען און האָט געהאַלטען זיינע אויגען גרויס און פערטראַכט אויף איהר אַנגעשטעלט. ווי זעלטזאַם זי האָט גערעדט, און ווי איהם האָט עס בערירהט איהר העלע לייכטע שטים! זיין האַרץ האָט זיך בערוהיגט; איהם איז פאָרגעקומען, גלייך ווי ער חלומ׳ט. — פרוי פאָן ר י נ ל י נ ג ע ן האָט אָנגעהויבען אויף דאָס ניי:

„האָב איך נישט קיין טעות, אַז איהר האָט נעכטען פערלאָזען דאָס טעאַטער, איידער די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיגט?"

„יאָ, גנעדיגע פרוי".

„איך האָב עס בעדויערט. איהר האָט זיך מיט ערהפורכט צוגעהערט צום שטיק, חאָטש די אויפפיהרונג איז געוועזען נישט גוט, אָדער נאָר רעלאַטיוו גוט. איהר ליעבט די מוזיק? איהר שפּיעלט קלאַוויר?"

„איך שפּיעל אַ ביסעל פידעל". האָט הערר פ ר י ד מ אַ ן געזאָגט. דאָס הייסט — עס איז כמעט גאָרנישט...

„איהר שפּיעלט פידעל?" האָט זי געפרעגט; דערנאָך האָט זי אַ קוק געטהון פאַרביי איהם אין דער לופטען און האָט זיך פערטראַכט.

„אויב אַזוי קענען מיר אַמאָל צוזאַמען מוזיצירען", האָט זי פּלוצלונג געזאָגט. „איך קען עטוואָס אַקאָמפּאַנירען. איך וואָלט מיך געפרעהט, ווען איך וואָלט עמיצען דאָ געפונען... איהר וועט קומען?"

איך וועל מיט פערגניגען צושטעהן צו אייער פערלאַנג, גנעדיגע פרוי", האָט ער געזאָגט, נאָך אַלץ ווי אין חלום. עס איז ענטשטאַנען אַ פויזע. דאָ האָט זיך פּלוצלונג געענדערט דער אויסדרוק פון איהר געזיכט. ער האָט דערזעהן, ווי איהר געזיכט האָט זיך פערקרימט אין אַ קוים מערקליכען גרויזאַמען שפּאָט, ווי איהרע אויגען זענען ווידער אויף איהם פעסט און פאָרשענד צונגעשטעלט געוואָרען מיט יענעם אונהיימליכען ציטערן, ווי שוין צוויי מאָל פאַר דעם. זיין געזיכט איז געוואָרען רויט ווי פייער, און נישט וויסענדיג, וואוהין ער זאָל זיך ווענדען, האָט ער גאַנץ פערלאָרען און אויסער זיך אַראָבגעלאָזט זיין קאָפּ טיעף צווישען די אַקסלען און זיינע אומרוהיגע בליקען אויף דעם טעפּיך. ווי אַ קורצער שוידער אָבער האָט איהם ווידער דורכגעשטראָמט יענע אָהנמעכטיגע, זיסליך פּייניגענדע וואוט...

אַז ער האָט מיט אַ פערצווייפעלטען ענטשלוס ווידער אויפגעהויבען דעם בליק, האָט זי אויף איהם שוין מעהר נישט געקוקט, נאָר זי האָט רוהיג געבליקט איבער זיין קאָפּ צו דער טהיר צו. ער האָט מיט מאַטערניש אַרויסגעבראַכט אַ פּאָר ווערטער:

„איז די גנעדיגע פרוי ביז איצט ווי נישט איז צופריעדען מיט איהר אויפהאַלטען זיך אין אונזער שטאָדט?"

„אָה", האָט פרוי פאָן רינלינגען גלייכגילטיג געזאָגט, „געווים. פאַרוואָס זאָל איך נישט צופריעדען זיין?" „איבריגענס", האָט זי גלייך דערויף צוגעגעבען, „איך זאָל עס נישט פערגעסען: מיר דענקען די טעג צו זעהן ביי אונז איניגע לייט, אַ קליינע, פרייע געזעלשאַפט. מען וואָלט קענען מאַכען אַ ביסעל מוזיק, אַ ביסעל פּלוידערן... דערצו האָבען מיר הינטערן הויז אַ גאַנץ פיינעם גאָרטען; ער לאָזט זיך אַראָב ביז צום טייך. קורץ און גוט: איהר מיט אייערע דאַמען ווען זעלבסטפערשטענדליך נאָך ערהאַלטען אַנ'איינלאַדונג, אָבער איך בעט אייך גלייך איהר זאָלט אויך טיילנעהמען; וועט איהר אונז מאַכען דאָס פערגניגען?"

העררפרידמאַן האָט קוים אַרויסגעבראַכט זיין דאַנק און זיין צוזאָג, ווען דאָס טהיר-הענדטעל איז ענערגיש אָנגעדריקט געוואָרען און ס'איז אַריינגעקומען דער אָבערסטלייטענאַנט. ביידע האָבען זיך אויפגעהויבען, און בעת פרוי פאָן רינלינגען האָט די הערען פאָרגעשטעלט איינער דעם אַנדערן, האָט זיך איהר מאַן פערבייגט מיט דערזעלבער העפליכקייט פאַר הערר פרידמאַנען ווי פאַר איהר. זיין ברוין גע-

זיכט האָט איננאַנצען געבלאַנקט פאַר היץ.

אין דער צייט ווען ער האָט אראָבגעצויגען זיינע האַנדשען, האָט ער עפּעס גערעדט מיט זיין קרעפטיגער און שאַרפער שטים צו הערר פרידמאַנען, וועלכער האָט געקוקט צו איהם אין דער הויך מיט גרויסע געדאַנקענלאָזע אויגען און האָט אַלץ ערוואַרט, אַז ער וועט איהם באַלד מיט וואָולגעזוניגטקייט אַ קלאַפּ טהון איבער די פּלייצע. דערווייל־ע האָט זיך דער אָבערסטלייטענאַנט מיט צוזאַמענגעצויגענע אָבזאַצען און לייכט פאָראויסגעבויגטען אויבערקערפּער אומגעווענדט צו זיין פרוי און האָט געזאָגט מיט עטוואָס אַ הייזעריגליכער שטימע:

„האָסטו געבעטען הערר פרידמאַנען, ער זאָל זיין אויף אונזער אָווענד, מיין ליעבע? ווען דיר איז עס אַנגענעהם, דאַן דענק איך, מיר זאָלען איהם געבען אין אַכט טאָג אַרום. איך האָף, אַז דאָס וועטער וועט זיך האַלטען און אַז מיר וועלען זיך אויך קענען אויפהאַלטען אין גאָרטען".

„ווי דו פערשטעהסט", האָט פרוי פאָן רינגלינגען געענטפערט און געקוקט פאַר איהם פאַרביי.

מיט צוויי מינוט שפּעטער האָט זיך הערר פרידמאַן געזעגענט. אַז ער האָט זיך ביים טהיר נאָכאַמאָל פערבויגען, האָט ער בעגעגענט איהרע אויגען, וועלכע האָבען אויף איהם גערוהט אָהן אַנ'אויסדריק.

XIII

ער איז אַוועק ווייטער, ער איז נישט געגאַנגען צו דער שטאָדט צוריק, נאָר ער האָט זיך, נישט ווילענדיג עס, אַוועקגעלאָזט מיט דעם וועג, וועלכער האָט זיך אָבגעצווייגט פון דער אַלעע און האָט געפיהרט צו דעם אַמאָליגען פעסטונגסוואַל ביים טייך. דאָרט זענען געווען גוט איינגעאָרדנעטע אַלעען, שאָטענדיגע וועגען און בענק.

ער איז געגאַנגען שנעל און בעוואוסטלאָז, זיך נישט אומקוקענדיג. עס איז איהם געווען אונערטרעגליך היים, און ער האָט געפיהלט, ווי די פלאַמען האָבען אין איהם געשלאָגען און ווי אין זיין מידען קאָפּ האָט עס געקלאַפּט אָהן רחמנות...

„איז דען נאָך אַלץ אויף איהם נישט געלעגען איהר בליק? אָבער

ניִשט וויִ צום לעֶצטעֶן, לעֶער און אָהן אויסדרוק, נאָר וויִ פאַר דעֶם, מיִט דעֶר דאָזיִגעֶר ציִטעֶרנדעֶר גרויזאַמקייַט, נאָכדעֶם וויִ זיִ האָט צו איהם אַזוי שטיִל און זעֶלטזאַם געֶרעֶדט? אַך, האָט זיִ זיִך דעֶן געֶוואָלט לוסטיִג מאַכעֶן, און אַרייַנברעֶנגעֶן איהם איִן אונבעֶהאָלפעֶנקייַט און פעֶרצווייִפלונג? האָט זיִ דעֶן ניִשט געֶקעֶנט האָבעֶן מיִט איהם אַ ביִסעֶל מיִטלייַד, ווען זיִ האָט איהם דורכגעֶנומעֶן מיִט איהר בליִק?...

עֶר איִז געֶגאַנגעֶן לעֶנגס מיִט דעֶם טייַך, נעֶבעֶן דעֶם גריִן בעֶוואַקסעֶנעֶם וואַל, און האָט זיִך געֶזעֶצט אויף אַ באַנק, וואָס איִז געֶווען אויף דעֶר העֶלפט אַרומגעֶריִנגעֶלט מיִט אַ קוסט פון זשאַסמיִן. אַרום און אַרום איִז אַלעֶס פול געֶווען מיִט אַ זיִסעֶן, פעֶרשטיִקטעֶן דופט. דיִ זון האָט זיִך אָבגעֶשלאָגעֶן פאַר איהם איִן דעֶם ציִטעֶרנדעֶן וואַסעֶר.

וויִ מיִעד און אָבגעֶשוואַכט עֶר האָט זיִך געֶפיִהלט, און וויִ אַלץ איִז איִן איהם געֶוועֶן אַזוי פייַנליִך אויפגעֶרודעֶרט! וואָלט דעֶן ניִשט געֶוועֶן דאָס בעֶסטעֶ, אַרומצוקוקעֶן זיִך נאָך אייַנמאָל און דאַן אַרונטעֶרלאָזעֶן זיִך איִן וואַסעֶר אַרייַן, כדי נאָך אַ קורצעֶן לייַדעֶן צו בעֶפרייַעֶן זיִך פון דעֶם שווערעֶן פייַן און געֶפיִנעֶן דיִ אייִביִגעֶ רוה? אַך, רוה, רוה איִז געֶוועֶן דאָס, וואָס עֶר האָט געֶוואָלט! אָבעֶר ניִשט דיִ רוה איִן דעֶם לעֶערעֶן און טויבעֶן ג אָ ר נ יִ ש ט, נאָר אַ זאַנפטעֶר פריִדעֶן, בעֶשטראַהלט פון דעֶר זון און עֶרפיִלט פון גוטעֶ, שטיִלעֶ געֶדאַנקעֶן.

זייַן גאַנצעֶ צעֶרטליִכעֶ ליִעבעֶ צום לעֶבעֶן האָט איהם דורכגעֶציִטעֶרט איִן דעֶם דאָזיִגעֶן אויגעֶנבליִק און דיִ טיִעפעֶ בעֶנקשאַפט נאָך זייַן פעֶרלאָרעֶנעֶם גליִק. אָבעֶר באַלד האָט עֶר זיִך אַרומגעֶקוקט אַרום זיך איִן דיִ שווייַגעֶנדעֶ, אונעֶנדליִך גלייַכגיִלטיִגעֶ רוה פון דעֶר נאַטור, האָט געֶזעֶהן, וויִ דעֶר טייַך האָט געֶצויגעֶן זייַן וועֶג איִן דעֶר זון, וויִ דאָס גראָז האָט זיִך ציִטעֶרנד בעֶוועֶגט און דיִ בלומעֶן זעֶנעֶן געֶשטאַנעֶן דאָ, וואו זיִי האָבעֶן אויפגעֶבליִהט, כדי שפּעֶטעֶר צו פעֶרוועֶלקעֶן און פעֶרוועֶהעֶן, האָט געֶזעֶהן, וויִ אַלעֶס, אַלעֶס האָט זיִך געֶבויגעֶן מיִט דעֶר דאָזיִגעֶר שטומעֶר אונטעֶרטעֶניִגקייַט פאַר דעֶם דאָ-זייַן, — און עֶס האָט איהם פּלוצלונג דורכגעֶנומעֶן דאָס געֶפיִהל פון פריינדשאַפט און אייַנפעֶרשטעֶנדניִש מיִט דעֶר נויטווענדיִגקייַט, וועלכעֶס בעֶהעֶרשט דעֶם מעֶנשעֶן, בעת עֶר פעֶרטראַכט זיִך איִבעֶר דעֶר גאַנצעֶר האַרטקייַט פונ'ם שיִקזאַל.

עֶר האָט זיִך דעֶרמאָהנט איִן יעֶנעֶם נאָכמיִטאָג פון זייַן דרייַסיִגסטעֶן געֶבורטסטאָג, ווען עֶר האָט אָהן שרעֶק און האָפנונג, גליִקליִך מיִט דעֶם בעֶזיִץ פון פריִעדעֶן, געֶקוקט אויף דעֶם רעֶשט פון זייַן לעֶבעֶן.

קײן ליכט און קײן שאָטען האָט ער דאַן נישט געזעהן, נאָר אַלעס איז פאַר איהם געלעגען אין מילדען דעממערונגס־שײן, ביז עס איז הינטען, כמעט אונבעמערקט, אין דונקעלהײט פערשוואומען, און מיט אַ רוהיגען און איבערגעטראַכטען שמײכעל האָט ער די יאָהרען געזעהן, וועלכע האָבען נאָך געזאָלט קומען — ווי לאַנג איז דאָס געווען?

און דאָ איז די דאָזיגע פרוי געקומען, זי האָט געמוזט קומען, דאָס איז געווען זײן שיקזאַל, זי זעלבסט איז געווען זײן שיקזאַל, זי אַלײן! האָט ער דאָס נישט געפיהלט פון דעם ערשטען אויגענבליק אָן? זי איז געקומען, און ווען ער וואָלט אפילו פרובען צו פערטײדיגען זײן פריעדען, — פאַר איהר האָט אין איהם אַלעס געמוזט אויפשטורמען, וואָס ער האָט פון יוגענד אין זיך אונטערדריקט, ווײל ער האָט געפיהלט, אַז זי האָט פאַר איהם בעדײט שמערץ און אונטערגאַנג; עס האָט איהם בעהערשט מיט שרעקליכער, אונווידערשטעהליכער געוואַלט און האָט איהם געטריבען צו גרונד!

עס האָט איהם געטריבען צו גרונד, דאָס האָט ער געפיהלט. אָבער צו וואָס נאָך קעמפּפען און זיך מאַטערן? זאָל אַלעס געהן מיט זײן גאַנג! זאָל ער ווײטער געהן זײן וועג און שליסען די אויגען פאַר דעם אָבגרונד, וואָס עפענט זיך דאָרט הינטען, געהאָרזאַם דעם שיקזאַל, געהאָרזאַם דער איבערשטאַרקער, פײניגענד זיסער מאַכט, פון וועלכער מען קען נישט אַוועקגעהן.

דאָס וואַסער האָט געפינקעלט, דער זשאַסמין האָט געאָטעמט זײן שאַרפען, פערשטיקטען דופט, די פײגעל האָבען געצווּיטשערט אַרום און אַרום אין די בוימער, צווישען וועלכע עס האָט געלויכטען אַ שווערער סאַמעט־בלויער הימעל. דער קלײנער הויקער הערר פרידמאַן איז אָבער נאָך לאַנג געזעסען אויף זײן באַנק. ער איז געזעסען געבויגט אויף פאָרנט, דעם שטערן אָנגעשפּאַרט אויף בײדע הענד.

XIV

אַלע זענען געווען אײנשטימיג, אַז מען האָט זיך בײ די רינליננגענס זעהר גוט אונטערהאַלטען, בײ אַ דרײסיג פּערזאָנען זענען געזעסען בײם לאַנגען, מיט געשמאַק דעקאָרירטען טיש, וועלכער האָט

זיך ווײַט געצויגען דורך דעם ווײַטען שפּייז-זאַל; דער בעדינטער און צוויי עקסטראַ געדונגענע לאַקייען האָבען מיט געאײַלטער געשווינדקייט פערזאָרגט יעדערן מיט אײַז, עס האָט געהערשט אַ געקלינגערײַ, אַ געקלאַפּערײַ און אַ וואַרימער דונסט פון שפּייזען און פּאַרפומען. געמיטליכע גרויסקויפלײַט מיט זייערע פרויען און טעכטער האָבען זיך אַהער פעריזאַמעלט; אויסערדעם כמעט אַלע אָפיצירען פון גאַרניזאָן, אַן'אַלטער, בעליעבטער דאָקטאָר, אַ פּאָר יוריסטען און איבערהויפּט די, וואָס האָבען זיך גערעכענט צווישען די ערשטע קרײַזען. אויך איז דאָ געווען אַ סטודענט-מאַטעמאַטיקער, אַ פּלימעניק דעם אָבערסטלייטענאַנטס, וואָס איז געווען צו גאַסט בײַ זיינע קרובים; ער האָט געפירט די טיעפסטע געשפּרעכען מיט פרײַלײַן האַגענשטרעם, וועלכע איז געזעסען געגענאיבער דעם הערר פרידמאַנען.

ער איז געזעסען אויף אַ שענעם סאַמעט-קישען בײַם הינטערשטען עק פון טיש נעבען דער נישט-שענער פרוי פון דעם גימנאַזיום-דירעקטאָר, נישט ווײַט פון פרוי פאָן רינלינגען, וועלכע איז געפירט געוואָרען צום טיש פון קאָנסול שטעפענס. עס איז געווען צו ערשטוינען, ס'אַר אַ פערענדערונג עס איז אין די אַכט טאָג פאָרגעקומען מיט דעם קליינעם הערר פרידמאַנען. אפשר איז צום טייל שולדיג געווען דאָס ווײַסע בליהענדע גאַז-ליכט, וועלכעס האָט אָנגעפילט דעם זאַל, און דעריבער האָט זײַן געזיכט אויסגעוויזען אַזוי שרעקליך בלײַך; אָבער זיינע באַקען זענען געווען אײַנגעפאַלען, זײַנע רויטליכע און דונקעל בעשאָטענע אויגען האָבען געפינקעלט מיט אַן'אונגעוועהנליך טרויעריגען גלאַנץ, און עס האָט אויסגעזעהן, גלײַך ווי זײַן געשטאַלט וואָלט זײַן פערקריפּעלטער, ווי שטענדיג. — ער האָט געטרונקען פיעל ווײַן און פלעגט פון צײַט צו צײַט זיך איבערוואַרפען מיט אַ פּאָר ווערטער מיט זײַן שכנ'טע.

פרוי פאָן רינלינגען האָט נאָך קײַן וואָרט נישט אויסגערעדט בײַם טיש מיט הערר פרידמאַנען; איצט האָט זי זיך אַ ביסעל אײַנגעבויגען און האָט זיך צו איהם אָבגערופען:

„איך האָב אײַך די אַלע טעג אומזיסט ערוואַרט, אײַך און אײַער פידעל“.

ער האָט זי אײַן אויגענבליק אָנגעקוקט פאָלקאָם פערלאָרען, אײדער ער האָט געענטפערט. זי האָט געטראָגען אַ העלען, לײַכטען טואַלעט, וואָס האָט פרײַגעלאָזט איהר ווײַסען האַלז, און אַ פול בליהענדע

ראָזע איז געווען בעפעסטיגט אין איהרע לייכטענדע האָהר. איהרע באַקען זענען היינט אין אָווענד געווען עטוואָס גערויטעלט, אָבער ווי שטענדיג האָבען אין די ווינקלען פון איהרע אויגען גערוהט בלויליכע שאָטענס.

הער פרידמאַן האָט געקוקט אין זיין טעלער אַריין און האָט עפּעס אַרויסגערעדט אַלס ענטפער, אָבער גלייך דערויף האָט ער געמוזט ענטפערן אויף דער גימנאַזיום־דירעקטאָרינס פראַגע, צי ער האָט ליעב בעטהאָווענען. נאָר אין דעמזעלבען אויגענבליק האָט דער אָבערסט־לייטענאַנט, וואָס איז געזעסען ביים טיש אויבען־אָן, צוגעוואָרפען דער פרוי זיינער אַ בליק, האָט אַ קלאַפּ געגעבען אָן גלאָז און האָט געזאָגט:

„מיינע הערשאַפטען, איך שלאָג פאָר, מיר זאָלען טרינקען אונזער קאַווע אין די אַנדערע צימערן; איבריגענס מוז עס היינט אין אָווענד אויך נישט שלעכט זיין אין גאָרטען, און ווען עמיצער וויל דאָרט שעפּען אַ ביסעל לופט, בין איך אויך מיט איהם".

לייטענאַנט פאָן דיידעסהיים האָט אויס טאַקט־געפיהל אַריינגעוואָרפען אַ וויץ אין די איינגעטרעטענע שטילקייט אַריין, אַזוי, אַז אַלעס האָט זיך אונטער אַ פרעהליכען געלעכטער אויפגעהויבען פון די ערטער. הער פרידמאַן האָט איינער פון די לעצטע פערלאָזען מיט זיין דאַמע דעם זאַל, האָט זי בעלייט דורך דאָס אַלט־דייטשע צימער, וואו מען האָט שוין אָנגעהויבען צו רויכערן, אין דאָס האַלבדונקעלע היימליכע וואוינצימער און האָט פון איהר אָבשייד גענומען.

ער איז געווען זעהר פיין געקליידט; זיין פראַק איז געווען אָהן דער מינדסטער פגימה, זיין העמד בלענדענד וויים, און זיינע שמאָלע און שען געפאָרמטע פיס האָבען געשטעקט אין לאַקירטע שיך. מאַנכמאָל האָט מען געקענט זעהן, אַז ער האָט געטראָגען רויטזיידענע זאָקען.

ער האָט אַרויסגעקוקט דורכ'ן קאָרידאָר אין דרויסען און האָט דערזעהן, אַז גרעסערע גרופּען שטייגען שוין פון די טרעפּ אין גאָרטען אַראָב. אָבער ער האָט זיך געזעצט מיט זיין ציגאַר און זיין קאַווע ביי דער טהיר פון דעם אַלט־דייטשען צימער, וואו עס זענען געשטאַנען אייניגע העררען און האָבען געפּלוידערט, און האָט געקוקט אין דאָס וואוינצימער אַריין.

גלייך רעכטס פון דער טהיר איז אַרום אַ קליינעם טיש געזעסען אַ קרייז וואו דער מיטעלפּונקט איז געווען דער סטודענט, וועלכער האָט מיט היץ גערעדט. ער פערזיכערט, אַז דורך אַ פּונקט קען מען צו אַ גלייכער ליניע ציהען מעהר ווי איין פּאַראַלעל, פרוי רעכטסאַנוואַלט

האַגענשטרעם האָט אויסגערופען: „דאָס איז אונמעגליך!" און דאַן האָט ער עס דערוויזען אַזוי איבערראַשענד, אַז אַלע האָבען זיך געמאַכט, גלייך ווי זיי האָבען עס פערשטאַנען.

אין דעם הינטערגרונד פון דעם צימער איז אָבער אויף דער אָטאָמאַנע, נעבען וועלכער עס איז געשטאַנען די רויטפערהילטע לאָמפּ, געזעסען גערדאַ פאָן רינגלינגען און האָט געשמועסט מיט דעם יונגען פריילין שטעפענס. זי איז געזעסען עטוואָס צוריקגעלעהנט אין דאָס געלזיידענע קישען, פערלעגט אַ פוס אויף אַ פוס, און האָט לאַנגזאַם גערויכערט אַ ציגאַרעטע, אַרויסלאָזענדיג דערביי דעם רויך פון נאָז און אַרויסרוקען פאָראויס די אונטערשטע ליפּ. פריילין שטעפענס איז פאַר איהר געזעסען גלייך און ווי פון האָלץ געשניצט און האָט איהר געענטפערט מיט אַנ׳אַנגסטליכען שמייכעל.

קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף דעם קליינעם הערר פרידמאַנען, און קיינער האָט נישט בעמערקט, אַז ער האָט נישט אַראָבגענומען זיינע גרויסע אויגען פון פרוי פאָן רינגלינגען. ער איז געזעסען אין אַ שלאַפער האַלטונג און האָט זי אָנגעקוקט. עס איז קיין ליידענשאַפטליכעס נישט געווען אין זיין בליק און קוים אַ שמערץ; עטוואָס טעמפּס און טויטס איז דערינען געלעגען, אַ דומפּער יאוש, אָהן קראַפט און אָהן ווילען.

אַזוי איז אַריבער ביי אַ צעהן מינוט, דאָ האָט זיך פרוי פאָן רינגלינגען פלוצלונג אויפגעהויבען, און נישט קוקענדיג אויף איהם, גלייך ווי זי וואָלט איהם שוין געהאַט בעטראַכט פאַר דער גאַנצער צייט, איז זי צו איהם צוגעגאַנגען און איז געבליבען שטעהן פאַר איהם. ער איז אויפגעשטאַנען, האָט אויף איהר אויפגעהויבען די אויגען און דער הויך און דערהערט די ווערטער:

„האָט איהר לוסט צו בעגלייטען מיך אין גאָרטען, הערר פרידמאַן?"

ער האָט געענטפערט:

„מיט פערגניגען, גנעדיגע פרוי".

XV

„איהר האָט נאָך אונזער גאָרטען נישט געזעהן?" האָט זי געזאָגט

צו איהם אויף די טרעפ. „ער איז גאנץ גרויס. וואהרשיינליך איז דארט נאך נישט צופיעל מענשען; איך וואלט זעהר וועלען א ביסעל אויפעטעמען. איך האב בעת'ן עסען בעקומען קאפשמערצען; דער רויטוויין איז פאר מיר פיליייכט צו שטארק געוועזען... דא דורכ'ן טהיר מוזען מיר ארויסגעהן". דאס איז געוועזען א גלעזערנע טהיר, דורך וועלכע זיי זענען ארויסגעקומען אין א קליינעם קיהלען פארהויז און פון דארט האבען א פאר טרעפ געפיהרט אין דרויסען ארויס.

אין דער וואונדערפולער, שטערנקלארער, ווארימער נאכט האט זיך געגאסען א דופט פון אלע ביימען. דער גארטען איז געלעגען אין פולען לבנה=ליכט, און אויף דעם ווייס=לייכטענדען, מיט קליינע שטיינדליך בעזייהטען וועג זענען די געסט ארומגעגאנגען פלוידערנדיג און רויכערנדיג. א גרופע האט זיך פערזאמעלט ארום דעם פאנטאן, וואו דער אלטער בעליעבטער דאקטאר האט אונטער אלגעמיינעם געלעכטער געלאזט שווימען פאפיער=שיפליך.

פרוי פאן ר י נ ל י נ ג ע ן איז פארבייגעגאנגען מיט א לייכטען קאפשאקעל און האט אנגעוויזען אין דער ווייט אריין, וואו דער שענער דופטענדער בלומענגארטען האט זיך פערדונקעלט צום פארק.

„מיר וועלען אראבגעהן אין דער מיטעלאלעע", האט זי געזאגט. ביים אריינגאנג זענען געשטאנען צוויי נידעריגע, ברייטע אבעליסקען.

דארט הינטען, ביים עק פון דער שנורגלייכער קאשטאנען=אלעע האבען זיי דערזעהן דעם טייך גרינליך און בלאנק שימערן אין לבנה=ליכט. ארום און ארום איז געוועזען דונקעל און קיהל. דא און דארט האט זיך אבגעצווייגט א זייטענוועג, וועלכער האט אויך געפיהרט צום טייך, אויסגעדרעהט ווי א בויגען. א לאנגע צייט האט זיך קיין קלאנג נישט געלאזט פערנעמען.

„ביים וואסער", האט זי געזאגט, „איז א פיינער פלאץ, וואו איך בין שוין אפט געזעסען, דארט וואלטען מיר קענען א ווײַלע פלוידערן. — איהר זעהט, דא און דארט פינקעלט דורך די בלעטער א שטערן דורך".

ער האט נישט געענטפערט און האט געקוקט אויף די גרינע, שימערנדע וואסערפערשפרייטונג, צו וועלכער זיי האבען זיך דערנעהנטערט. מען האט געקענט דערקענען דעם ברעג אויף יענער זייט. די וואל=איינריכטונגען. ווען זיי האבען פערלאזען די אלעע און זענען ארויפגעקומען אויפ'ן גראז=פלאץ, וואס האט זיך אראבגעלאזט צום טייך, האט פרוי פאן ר י נ ל י נ ג ע ן געזאגט.

„נאָך אַ ביסעל רעכטס איז אונזער פּלאַץ; איהר זעהט, ער איז נישט בעזעצט“.

די באַנק, אויף וועלכער זיי האָבען זיך אַנידערגעזעצט, האָט זיך געפונען אין זעקס טריט אָן אַ זייט פון דער אַלעע אין פּאַרק. דאָ איז געווען וואַרימער ווי צווישען די בוימער. די גרילען האָבען געזינגען אין דעם גראָז, וועלכעס איז האַרט ביים וואַסער איבערגעגאַנגען אין דינעם אייער. דער לבנה־העלער טייך האָט אָבגעשלאָגען מיט אַ מילדען שיין.

אַ ווײַלע האָבען זיי ביידע געשוויגען און געקוקט אויף דאָס וואַסער. באַלד אָבער האָט ער זיך צוגעהערט גאַנץ אויפגעציטערט, ווײַל דער טאָן, וועלכען ער האָט פערנומען מיט אַ וואָך צוריק, אָט דער שטילער פערטראַכטער און זאַנפטער טאָן האָט איהם ווידער בעריהרט:

„פון ווען אָן האָט איהר אייער פעהלער, הערר פרידמאַן?“ האָט זי געפרעגט. „זענט איהר דערמיט געבאָרען?“

עס האָט איהם פערחאַפּט דעם אָטעם, און דער האַלז איז איהם געוואָרען ווי צוגעשנירט. באַלד אָבער האָט ער געענטפערט שטיל און אַרטיג:

„ניין, גנעדיגע פרוי. ווען איך בין געווען אַ קליין קינד, האָט מען מיך געלאָזט אַראָבפאַלען אויף דער ערד. דערפון שטאַמט עס“.

„און ווי אַלט זענט איהר איצט?“ האָט זי ווייטער געפרעגט.

„דרייסיג יאָהר, גנעדיגע פרוי“.

„דרייסיג יאָהר“, האָט זי איבערגע׳חזר׳ט. „און איהר זענט נישט געווען גליקליך, די דאָזיגע דרייסיג יאָהר?“

הערר פרידמאַן האָט אַ שאָקעל געטהון מיט׳ן קאָפּ און זיינע ליפּען האָבען גענומען ציטערן. „ניין“, האָט ער געזאָגט; דאָס איז געווען ליגען און איינבילדונג“.

„איהר האָט אַלזאָ געגלויבט גליקליך צו זיין?“ האָט זי געפרעגט.

„איך האָב עס געפּרובט“, האָט ער געזאָגט, און זי האָט געענטפערט:

„דאָס איז געווען העלדיש“.

אַ מינוט איז אַריבער, נאָר די גרילען האָבען געזונגען, און הינטער זיי האָט עס גאַנץ שטיל גערוישט אין די בוימער.

„איך פערשטעה מיך אַ ביסעל אויף דאָס אומגליק“, האָט זי געזאָגט. „אַזעלכע זומערנעכט ביים וואַסער זענען דאָס בעסטע דערצו“.

ער האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט, נאָר ער האָט מיט

אַ שװאַכער בעװעגונג אַנגעװיזען אַהינצו אויף דעם יענזײטיגען ברעג, װעלכער איז פריעדליך געלעגען אין דונקעלהײט.

„דאָרט בין איך אַנומעלט געזעסען", האָט ער געזאָגט,

„װען איהר זענט פון מיר אַװעקגעגאַנגען?" האָט זי געפרעגט.

ער האָט נאָר אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

דאָ האָט ער פּלוצלינג אויפגעציטערט פון זײן אָרט, האָט אַ קרעכץ געטאָן, אַרויסגעלאָזט אַ קול, אַ קלעגליכען קול, אין װעלכען עס האָט אָבער אויך געשטעקט עטװאָס ערלײזענדעס, און איז לאַנגזאַם געפאַלען צו איהרע פיס. ער האָט מיט זײן האַנד בעריהרט איהר האַנד, װעלכע איז געבען איהם אויף דער באַנק געלעגען, און בעת ער האָט זי איצט פעסט געהאַלטען, בעת ער האָט אויך די אַנדערע אָנגעהאַפּט, בעת דער דאָזיגער קלײנער אינגאַנצען פערװאַקסענער מענש איז ציטערנד און ציקענד פאַר איהרע קניה געלעגען און האָט זײן געזיכט אין איהר שױס געדריקט, האָט ער געשטאַמעלט מיט אַנ'אונמענשליכער פערשטיקטער שטים:

„זיי װײסען עס... לאָז מיך... איך קען נישט מעהר... מײן גאָט... מײן גאָט..."

זי האָט איהם נישט אָבגעשטויסען, זי האָט זיך אויך נישט צוגע־בויגט צו איהם. זי איז געזעסען הויך און גלײך, אַ ביסעל פון איהם צוריקגעלעהנט, און איהרע קלײנע אויגען, װאָס זענען נאָהנט געלעגען אײנס פונ'ם אַנדערן און אין װעלכע עס האָט זיך אַזוי װי אָבגעשפּיגעלט דער פײַכטער גלאַנץ פון דעם װאַסער, האָבען שטאַר און געשפּאַנט גע־קוקט גלײך פאַר זיך, איבער איהם, אין דער װײטקײט אַרײן.

און דאַן, פּלוצלונג, מיט אַ שטופּ, מיט אַ קורצען, שטאָלצען, פעראַכטליכען לאַכען האָט זי אַרויסגעריסען איהרע הענד פון זײנע הײסע פינגער, האָט איהם אַ חאַפּ געטאָן בײם אָרים, אַ שלײַדער געטאָן פון זיך אין אַ זײט, האָט געגעבען אַ שפּרונג אויף און איז פערשװאונדען אין דער אַלעע.

ער איז דאָ געלעגען, דאָס געזיכט אין דעם גראָז, בעטויבט, אויסער זיך, און אַ צוקען איז איהם יעדען אויגענבליק דורכגעלאָפען דורך זײן קערפּער. ער האָט זיך אויפגעהאַפּט, געמאַכט צװײ טריט און אַ פאַל געטאָן װידער צו דער ערד. ער איז געלעגען בײם װאַסער. —

װאָס אײגענטליך איז אין איהם פאָרגעקומען, בײ דעם, װאָס איז מיט איהם איצט געשעהן? אפשר איז דאָס געװען דער תאוה'שער האַס,

וועלכען ער האָט שוין איינמאָל דערפיהלט, ווען זי האָט איהם ערנידע-
ריגט מיט איהר בליק, וועלכער איז איצט, אין דער צייט, ווען ער איז
געלעגן אויף דער ערד, בעהאַנדעלט פון איהר ווי אַ הינד, אַריבער אין
די פערדריקטע רציחה, וועלכע ער האָט איצט געמוזט פערווירקליכען, ווען
מען זאָל אפילו זיין געגען זיך אַליין... אפשר אַנ'עקעל צו זיך אַליין,
דאָס האָט איהם ערפילט מיט אַ דאָרשט זיך צו פערניכטען, זיך אויף
שטיקער צו צורייסען, זיך אויסצולעשען...

ער האָט זיך גערוקט אויף דעם בויך נאָך ווייטער פאָראויס, האָט
אויפגעהויבען דעם אויבערשטען טייל קערפער און האָט איהם געלאָזט
פאַלען אין וואַסער. ער האָט דעם קאָפּ מעהר נישט אויפגעהויבען; די
פיס אַפילו, וועלכע זענען געלעגען אויפ'ן ברעג, האָט ער מעהר נישט
בעוועגט.

ביי דעם געפּליעסעק פון דעם וואַסער זענען די גרילען אויף איין
אויגענבליק פערשטומט געוואָרען. איצט האָבען זיי ווידער אויפגעהויבען
זייער זינגען, דער פאַרק האָט שטיל גערוישט, און דורך די לאַנגע
אַלעע אַרונטער האָט געקלונגען אַ לוסטיג געלעכטער.

ענטטוישונג.

ענטטױשונג.

(ערצעהלונג)

איך בין זיך מודה, אז די רייד פון דעם דאזיגען מאָרגעם הערר האבען מיך זעהר פערװוירט און איך האָב מורא, אז אויך איצט װעל איך נישט זיין אימשטאנד איבערצוחזר׳ן זיי אויף אזא אופן, זיי זאָלען אויף אנדערע מאכען אַזעהנליכען איינדרוק װי אין יענעם אָװענד אויף מיר אליין. אפשר ליעגט די אורזאכע פון זייער װירקונג נאָר אין דער מאָדנער אָפענהערציגקייט, מיט װעלכער א גאנץ אונבעקאנטער האָט זיי מיר ארױסגעזאָגט . . .

דער הערבסט-פארמיטאג, װען יענער אונבעקאנטער האט מיך צום ערשטען מאָל איבערראשט אויף דער פיאצצא סאן מארקאָ, ליעגט מיט א צוויי מאָנאטען צוריק. אויף דעם װייטען פלאץ האט מען געקענט טרעפען נאָר געצעהלטע מענשען, אָבער פאר דער בונטער געביידע, װאָס איהרע רייכע און צויבערהאפטע סילועטען און גאָלדענע בעפוצונגען האבען זיך אין ענטציקענדער קלאָרהייט געהויבען צום צארטען העלבלויען הימעל, האבען אין לייכטען ים-װינד געפלאטערט די פאָהנען. גלייך פאר דעם הויפט-פאָרטאל האָט זיך ארום א יונג מיידעל, װאָס האט געשאָטען מאאים, פערזאמעלט א אונגעהויערע מחנה טויבען, װעלכע האט זיך אלץ מעהר און מעהר פערגרעסערט מיט נייע פון אלע זייטען אנגעקומענע... א בילד פון אונפערגלייכליך-העלער און יום-טוב׳דיגער שענהייט.

דאָ האָב איך איהם בעגעגענט, און בשעת איך שרייב שטעהט ער מיר מיט אויסערגעװעהנליכער דייטליכקייט פאר די אויגען. ער איז קוים געװען פון מיטעלער װאוקס און איז געגאנגען שנעל און איינגעבויגען, האלטענדיג זיין שטעקעל מיטביידע הענד אויפ׳ן רוקען. ער האָט גע־

טראָגען אַ שוואַרצען, האַרטען הוט, אַנ'העלען זומער־מאַנטעל און הויזען אין טונקעלע פאַסען. אָהן קיין שום גרונד האָב איך איהם אָנגענומען פאַר אַנ'ענגלענדער. ער האָט געקענט אַלט זיין דרייסיג יאָהר און אפשר אויך פופציג. זיין געזיכט, מיט אַ עטוואָס דיקער נאָז און מיער־קוקענדע גרויע אויגען, איז געווען גלאַט ראַזירט און אַרום זיין מויל האָט שטענדיג געשפּיעלט אַנ'אונערקלערליכער און אַ ביסעל שעמעוודיגער שמייכעל, נאָר פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך פאַרשענד אַרומקוקען אַרום זיך, אויפהויבענדיג די אויגען־ברעמען, דערנאָך פלעגט ער ווידער אַראָבלאָזען די אויגען צו דער ערד, אַ זאָג טהון אַ פּאָר ווערטער צו זיך אַליין, אַ שאָקעל טהון און שמייכלען. אַזוי איז ער אין ערוואַרטונג געגאַנגען הין און צוריק איבער'ן פּלאַץ.

פון דאַן אָן פלעג איך איהם בעאָבאַכטען אַלע טאָג, ווייל ער האָט זיך אַפּנים מיט קיין אַנדערער זאַך נישט בעשעפטיגט, ווי נאָר מיט דעם, וואָס ער פלעגט סיי אין אַ גוטען וועטער סיי אין אַ שלעכטען וועטער, פאַר מיטאָג ווי נאָכמיטאָג, אויסטרעטען אַ מאָל דרייסיג — פופציג די פּיאַצצאַ, שטענדיג אַליין.

אין דעם אָווענד, וועלכען איך האָב אין זינען, האָט קאָנצערטירט אַ מיליטער־אָרקעסטער. איך בין געזעסען ביי איינעם פון די קליינע טישלעך, וועלכע דאָס קאַפע פלאָריאַן האָט אַרויסגעשטעלט ווייט אויפ'ן פּלאַץ אַרויס און ווען נאָך דער ענדע פון קאָנצערט האָט דער־עולם, וואָס האָט זיך ביז אַהער אין געדיכטע שטראָמען בעוועגט הין און צוריק, האָט אָנגעהויבען זיך פונאַנדערצוגעהן, האָט דער אונבעקאַנטער, שמייכלענדיג ווי שטענדיג צוטראָגען און פערריקט, זיך געזעצט נעבען מיר ביי איינעם פון די פריינעוואָרענע טישען.

די צייט איז געגאַנגען, אַרום און אַרום איז געוואָרען שטילער און שטילער און ווייט און ברייט אַרום זענען די טישען שוין לייִדיג געשטאַנען. ווען־נישט־ווען נאָר פלעגט פאַרבייגעהן אַ מענש; אַ מאַיעסטעטישע רוה האָט געלאַגערט איבער'ן פּלאַץ, דער הימעל האָט זיך מיט שטערן בעדעקט און איבער דעם פּראַכטפולען טעאַטראַלישען פאַסאַד פון סאַן מאַרקאָ, איז געשטאַנען די האַלבע לבנה.

איך האָב געלעזען מיין צייטונג, זיצענדיג צו מיין שכן מיט'ן רוקען און האָב שוין שיער נישט געהאַט בדעה איהם אַליין צו לאָזען, ערשט איך האָב מיך דערפיהלט געצוואונגען, האַלב זיך צו איהם אָבצוקעהרען, ווייל נישט הערענדיג פון איהם ביז אַהער קיין איין מאָל דאָס

געררויש פון א בעוועגונג, האב איך איהם פלוצלונג רעדען דערהערט.

— איהר זענט צום ערשטען מאל אין ווענעדיג, מיין העךר? — האט ער געפרעגט אויף א שלעכטער פראנצויזישער שפראך; און ווען איך האב מיך א פרוב געטהון צו ענטפערן איהם אויף ענגליש, האט ער ווייטער גענומען רעדען אויף א פרייער דייטשער שפראך מיט א שטילער און הייזעריגער שטים, וועלכע ער האט אפט געפרובט אבצו-פרישען דורך א הוסטען.

— איהר זעהט דאס אלץ צום ערשטען מאל? עס שטימט מיט אייערע ערווארטונגען? — און אפשר שטייגט עס זיי זאגאר אריבער? — א! איהר האט זיך עס שענער נישט פארגעשטעלט? — איז דאס אמת? — איהר זאגט עס נישט צוליעב דעם, נאר כדי ארויסצושטעלען זיך פאר א גליקליכען, וועלכען מען מעג מקנא זיין? — א! — ער האט זיך אנגעלעהנט אויף צוריק און מיך בעטראכט מיט א שנעלען פינטלען מיט די אויגען און א גאנץ אונערקלערליכען געזיכטס-אויסדרוק.

די פויזע, וועלכע איז איינגעטראטען, האט לאנג געדויערט און נישט-וויסענדיג ווי אזוי פארטצוזעצען דעם דאזיגען מאדנעם שמועס, האב איך ווידער געהאט בדעה זיך אויפצוהויבען, נאר ער האט זיך האסטיג צוגעבויגען צו מיר.

— ווייסט איהר, מיין העךר, וואס דאס איז: ענטטוישונג? — האט ער געפרעגט שטיל און דורכדרינגענד, אנשפארענדיג זיך מיט ביי-דע הענד אויף זיין שטעקעל. — נישט דאס אונגעלונגענע און שלימ'-מזל'דיגע אין קלייניגקייטען און איינצעלהייטען, נאר די גרויסע, די אל-געמיינע ענטטוישונג, די ענטטוישונג, וועלכע אלצדינג, דאס גאנצע לעבען גרייט אן פאר איינעם. געוויס קענט איהר זי נישט. איך אבער בין פון יונגווייז אויף אומגעגאנגען מיט איהר, און זי האט מיך איינזאם, אומגליקליך און א ביסעל וואונדערליך געמאכט, איך לייקען עס נישט.

— ווי זאלט איהר פערשטעהן, מיין העךר? אפשר אבער וועט איהר מיך אויסהערען א צוויי מינוט, אויב איך דארף בעטען. ווייל אויב עס קען געזאגט ווערען, איז עס שנעל געזאגט...

ערלויבט מיר אייך אויפמערקזאם צו מאכען, אז איך בין אויפגע-וואקסען אין א זעהר קליינער שטאדט אין א פאסטאר-הויז, וואס אין זיי-נע זויבערע חדרים האט געהערשט אנ'אלטמאדיש פאטעטישער אפטימיזם פון למדנים, און וואו מען האט איינגעאטעמט אנ'איינגענטימליכע אטמא-ספערע פון גלחישע דרשות — פון יענע גרויסע ווערטער וועגען גוט און

ביז, שען און מאוס, וועלכע איך האט אזוי פערביטערט, ווייל זיי
אפשר, זיי אליין, זענען שולדיג אין מיינע ליידען.

דאס לעבען איז פאר מיר דורכאויס בעשטאנען פון גרויסע ווערטער,
ווייל איך האב פון גארנישט געוואוסט אויסער ווי פון די אונגעהויערע
און רוחניות׳דיגע פארגעפיהלען, וואס די דאזיגע ווערטער האבען אין
מיר ארויסגערופען. איך האב ערווארט פון די מענשען דאס געטליך גו=
טע און דאס האהר=קאפויר=שטעלענד טייוועלשע; איך האב ערווארט פון
לעבען דאס ענטציקענד=שענע און דאס העסליכע און א בעגעהר נאך דעם
אלעם האט מיך דורכגענומען, א טיפע, אנגסטפולע בענקשאפט נאך
דער בריטער ווירקליכקייט, נאך דער איבערלעבונג, גאנץ גלייך פון
וואסער ארט, נאך דעם פער׳שכור׳נד הערליכען גליק און דעם פערפלוכ=
טען, אונאויסדריקליך אימה׳דיגען ליידען.

איך דערמאהן זיך, מיין הערר, מיט א טרויעריגער דייטליכקייט
אן דער ערשטער ענטטוישונג פון מיין לעבען און איך בעט אייך צו בע=
מערקען, אז זי איז אין קיין פאל נישט בעשטאנען אין דעם נישט מקוים
ווערען פון א שענער האפנונג, נאר אין דעם אנקומען פון אנ׳אומגליק.
איך בין נאך כמעט געווען א קינד, ווען ס׳האט אויסגעבראכען א שרפה
אין מיטען נאכט אין מיין פאטערס הויז. דאס פייער האט זיך געהיים=
ניספול און טיקיש פערשפרייט, ביז מיין קאמער=טהיר האט געברענט
דאס גאנצע קליינע געביי, און ס׳איז נישט געווען ווייט, אז אויך די
טרעפ זאלען אויפגעהן אין פלאמען. איך בין געווען דער ערשטער,
וואס האט דאס בעמערקט און איך געדענק, אז איך האב מיך א לאז
געטהון דורך דאס הויז, נישט אויפהערענדיג צו שרייען: „עס ברענט;
עס ברענט!“ איך דערמאהן מיך אין די דאזיגע ווערטער זעהר גענוי,
און איך וויים אויך, וואס פאר א געפיהל האט זיי ארויסגערופען, חאטש
דאמאלס האב איך עס קוים געקענט בעגרייפען מיט מיין בעוואוסטזיין.
דאס איז, אזוי האב איך דערפיהלט, א שרפה; איצט לעב איך זי אי=
בער! ערגער איז עס נישט? דאס איז גאר?...

גאט וויים, אז ס׳איז געווען נישט קיין קלייניגקייט. דאס גאנצע
הויז האט אבגעברענט, מיר אלע האבען זיך מיט גרוים מיה געראטע=
וועט פון א שרעקליכער סכנה און איך אליין האב בעקומען זעהר בעדיי=
טענדע פערלעצונגען דערפון. אויך וואלט עס זיין נישט ריכטיג צו זא=
גען, אז מיין פאנטאזיע וואלט אריבערגעשטיגען דאס געשעהעניש און
וואלט מיר א שרפה אין מיינע עלטערנס הויז אויסגעמאלט שרעקליכער

אבער א דרייסטעס פארגעפיהל, א געשטאלטלאזע פארשטעלונג פון עפעס נאך פיעל מעהר העסליכערס האט אין מיר געלעבט און אין פערגלייך דערמיט האט די ווירקליכקייט אויסגעזעהן בלאס. די שרפה איז געווען מיין ערשטע גרויסע איבערלעבונג: א שרעקליכע האפנונג איז געווארען דערמיט ענטטוישט.

שרעקט זיך נישט, אז איך וועל אייך אויך ווייטער איינציגווייז אויסרעכענען מיינע ענטטוישונגען. איך וועל מיך בעגנוגענען דערמיט, וואס איך וועל זאגען, אז איך האב מיט אנ'אומגליקליכער התמדה געשפייזט מיינע גרויסארטיגע ערווארטונגען פון לעבען דורך טויזענד ביכער דורך די ווערק פון די דיכטער. אך, איך האב געלערנט זיי צו האסען, די דאזיגע דיכטער, וועלכע וואלטען אויף אלע וועגן געשריבען זייערע גרויסע ווערטער און מיט אצעדער, געטונקט אין וועזוף, וואלטען זיי אין הימעלסדעק געמאלט — אין דער צייט, ווען איך פיהל אין יעדען גרויסען ווארט חוזק און שקר.

עקזאלטירטע פאעטען האבען מיר געזונגען, אז די שפראך איז ארים, אך, זי איז ארים — א ניין, מיין הערר! די שפראך — בין איך איבערצייגט — איז רייך, איז רייך אהן א מאס אין פערגלייך מיט דער ארימקייט און בעגרענצטקייט פון לעבען. דער שמערץ האט זיינע גרעניצען: דער קערפערליכער אין דער אהנמאכט, דער זעעלישער אין דעם טעמפזין, — דאס אייגענע איז אויך מיט דעם גליק! אבער דאס מענשליכע בעדערפניש פון טיילען זיך איינער מיט'ן אנדער'ן האט ערפונדען ווערטער, וועלכע ליגען ווייט הינטער די דאזיגע גרעניצען.

שטעקט עס אין מיר גופא? מאכען דען געוויסע ווערטער נאר אויף מיר אזא ווירקונג, אז זיי ערוועקען אין מיר פארשטעלונגען פון אזוינע איבערלעבונגען, וועלכע עס זענען גאר אויף דער וועלט נישטא?

איך בין אריינגעטראטען אין דאס בעריהמטע לעבען אריין, פול מיט דעם דאזיגען בעגעהר נאך אנ'איבערלעבונג, וואס זאל ענטשפרעכען מיינע גרויסע פארשטעלונגען!

איך האב ארומגעוואנדערט, כדי צו בעזוכען די געריהמטסטע געגענדען פון דער ערד, כדי צו בעטראכטען די קונסט-ווערק, ארום וועלכע די מענשהייט טאנצט ארום מיט די גרעסטע ווערטער; איך בין פאר זיי געשטאנען און צו זיך געזאגט: עס איז שען. און דאך: שענער איז דאס נישט? דאס איז גאר?

איך האב נישט קיין זין פאר דאס ווירקליכע און רעאלע; דאס

ערקלערט אפשר אַלץ. ערגעץ=וואו אין דער וועלט בין איך איינמאָל געשטאַנען אין די בערג ביי אַ טיפען שמאָלען אָבגרונד. די פעלזען=ווענד זענען געווען נאַקעט און ווערטיקאַל און אונטען האָט דאָס וואַסער געבראַוזט איבער די בלאָקען. איך האָב אַראָבגעקוקט אונטען און אַ טראַכט געטהון: ווי איז, ווען איך פאַל אַראָב? אָבער איך האָב גענוג ערפאַהרונג זיך צו ענטפערן: ווען עס וואָלט געשעהען, וואָלט איך בעת׳ן פאַלען צו זיך געזאָגט: אָט פאַלסטו אַראָב, אָט איז דאָס ווירקליכע! נו, איז וואָס איז דאָס איינענטליך? —

איהר וועט מיר גלויבען, אַז איך האָב גענוג איבערגעלעבט, איך זאָל אַ ביסעל קענען זיך פונאַנדערריידען? מיט יאָהרען צוריק האָב איך געליבט אַ מיידעל, אַ צאַרטעס און ליבעס וועזען, וועלכע איך וואָלט גערן געפיהרט אונטער מיין האַנד און אונטער מיין שוץ; זי האָט מיך אָבער נישט געליבט, דאָס איז נישט געווען קיין וואונדער, און אַן׳אַנדערער האָט זי געדאַרפט שיצען... איז פאַראַן אַן׳איבערלעבונג, וואָס זאָל זיין פיינליכער? איז פאַראַן עטוואָס שמערצליכערס ווי די דאָזיגע שווערע קלעמעניש, וועלכע איז גרויאָם פערבונדען מיט תאוה? איך בין נישט איין נאַכט מיט אָפענע אויגען געלעגען, און טרויעריגער, פייניגענדער ווי אַלעס איבריגע, איז שטענדיג געווען דער געדאַנק: דאָס איז דער גרויסער שמערץ! אָט לעב איך איהם איבער! — נו, איז וואָס איז דאָס איינענטליך? —

איז עס נויטיג, איך זאָל אייך אויך פון מיין גליק דערצעהלען? ווארום אויך דאָס גליק האָב איך איבערגעלעבט, אויך דאָס גליק האָט מיך ענטטוישט... עס איז נישט נויטיג; ווארום דאָס אַלץ זענען אומגעלומפערטע ביישפיעלען, וועלכע וועלען אייך נישט קלאָר מאַכען, אַז עס איז דאָס לעבען אין גאַנצען און אַלגעמיינעם, דאָס לעבען אין זיין מיטעלמעסיגען, נישט=אינטערעסאַנטען און מאַטען פערלויף, וואָס האָט מיך ענטטוישט, ענטטוישט, ענטטוישט.

„וואָס איז דער מענש, דער גערימהמטסטער האַלבער גאָט? — שרייבט איינמאָל דער יונגער ווערטהער, — פעהלען איהם דען נישט די קרעפטען גראָד דאָרט, וואו ער דאַרף זיי אַמנוטיגסטען? און ווען ער דערהויבט זיך אין פרייד אָדער פערזינקט אין ליידען, ווערט ער דען נישט אין ביידע פאַלען, אָדער אויפגעהאַלטען, אָדער צוריקגעבראַכט צו דעם טעמפען, קאַלטען בעוואוסטזיין, ווייל ער לעכצט צו פערלירען זיך אין דער אונענדליכקייט און גרענצלאָזיגקייט?"

איך דערמאָהן אָפט דעם טאָג, ווען איך האָב צום ערשטען מאָל דעם ים דערזעהן. דער ים איז גרויס, דער ים איז ווייט, מיין בליק וואַנדערט פון ברעג אַוועק און האָפט בעפרייט צו זיין: דאָרט הינטען אָבער איז געווען דער האָריזאָנט. צו וואָס דאַרף איך דעם האָריזאָנט? איך האָב פון לעבען ערוואַרט דאָס אונענדליכע.

אפשר איז ער ענגער, מיין האָריזאָנט, ווי דער האָריזאָנט פון די אַנדערע מענשען? איך האָב געזאָגט, אַז מיר פעהלט דער זין פאַר דאָס ווירקליכע און רעאַלע, — האָב איך אפשר צו פיעל זין דערויף?

איך גלויב דאָס נישט; און איך גלויב די מענשען נישט, איך גלויב די וועניגסטע, וועלכע שטימען איין פאַר'ן לעבען אין די אויגען מיט די גרויסע ווערטער פון די דיכטער — עס איז פחדנות און ליגען! האָט איהר איבריגענס בעמערקט, מיין הערר, אַז עס זענען פאַראַן מענשען, וועלכע זענען אַזוי פוסט און יאָגען זיך אַזוי נאָך כבוד און געהיימניספולער קנאה, דאָס זיי האָבען ליעב זיך אַרויסצושטעלען, אַז זיי האָבען נאָר איבערגעלעבט די גרויסע ווערטער פון גליק, אָבער נישט פון ליידען?

עס איז דונקעל און איהר הערט זיך קוים צו צו מיר, דערום וועל איך זיך היינט נאָכאַמאָל מודה זיין, אַז אויך איך, איך אַליין האָב אַמאָל געפרובט צוגלייך מיט די דאָזיגע מענשען צו לייגען, כדי פאַר מיר און פאַר אַנדערע זיך אַרויסצושטעלען פאַר אַ גליקליכען. אָבער עס איז נישט איין יאָהר אַוועק, אַז די דאָזיגע פוסטקייט איז צובראָכען געוואָרען און איך בין איינזאַם, אומגליקליך און אַ ביסעל וואונדערליך געוואָרען, איך לייקען עס נישט.

עס איז מיין בעליעבטסטע בעשעפטיגונג צו בעטראַכטען ביינאַכט דעם אויסגעשטערנטען הימעל, ווייל דאָס איז דען נישט דאָס בעסטע מיטעל זיך אָבצוווענדען פון דער ערד און פון דעם לעבען? און אפשר קען מען מיר עס מוחל זיין, וואָס איך ערלויב מיר דערביי מיינע פאַרשטעלונגען חאָטש צו פערהאַלטען? צו טרוימען פון אַ בעפרייטען לעבען אין וועלכען די ווירקליכקייט געהט אויף אין מיינע גרויסע פאָרשטעלונגען אָהן דעם פייניגענדען רעשט פון דער ענטטוישונג? פון אַ לעבען, וואו עס איז נישטאָ קיין שום האָריזאָנט?...

איך טרוים דערפון און איך ערוואַרט דעם טויט. אַך, איך קען איהם שוין אַזוי גאַנץ גענוי, דעם טויט, די דאָזיגע לעצטע ענטטוישונג דאָס איז דער טויט, וועל איך זאָגען צו זיך אין דעם לעצטען אויגענבליק; אָט לעב איך איהם איבער! — נו, איז וואָס איז דאָס

איינגענטליך ? —

אָבער עס איז קאַלט געוואָרען אויף דעם פלאַץ, מיין הערר, איך בין אימשטאַנד צו דערשפירען דאָס, חע־חע! איך האָב די עהרע צו עמפפעהלען זיך! אדיע...

PUBLIC LIBRARY

פערקויף לויט די אדרעסע:

Книгоиздательское Т-во „Централъ“, Варшава.

Verlags-Gesellschaft „Central“, Warschau, Nowolipki 7.

פּרייז 30 קאָפּ.